STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02207

DI TSUKUNFT ANTPLEKT

A. L. Ravel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די
צוקונפט אַנטפּלעקט

דורך די אידישע נביאים
און
באַשטעטיגט דורך דער מאָ־
דערנער וויסנשאַפט

פון א. ל. ראַועל

צוגעפּאַסט פון ס. אַ. קאַפּלאַן



PACIFIC PRESS PUBLISHING ASS'N.,
BROOKFIELD, ILLINOIS.

1 Future Unfolded—Yiddish

אײנלײטונג

עס ווערט דערצעהלט וועגן אַן אַלמנה פון אײנעם פון די וועסטערן סטײטס אַז זי האָט פאַרמאָגט אַ קלײנע פאַרם וואָס איז באַטראַכט געוועןְ פון קנאַפּן ווערטה. אָבער זי האָט זיך געהאַלטן בײ איר פאַרם און האָט שווער געאַרבעט צו פאַרדינען איר טעגליך ברויט.

ניט ווײט פון דעם אָרט האָבן געוויסע געאָלאָגישע עקספּערטן אַנאַליזירט די ערד, און עס איז זײ אויסגעקומען אויך אַנאַליזירן די ערד פון אָט דער אָרעמער אַלמנה. צו זײער גרויסער איבערראַשונג האָבן זײ בײם אַנאַליזירן די ערד אַנטדעקט אַז דאָס לאַנד איז רײך אין אַ קאָסטבאַרן מעטאַל אוראַניום פון וועלכן עס ווערט אַרויסגעצויגן ראַדיום. די עלטעבע אַקערס פון דער אַלמנה׳ס פאַרם זענען אַזוי אַנאַליזירט געוואָרן, און די עקספּערטן האָבן באַשטעטיגט אַז אונטער יענע טרוקענע זאַמדן איז געליגן באַהאַלטן אַן אומגעהײערער קוואַל פון מעטאַל פון וועלכן ראַדיום ווערט געמאַכט. די פילע יאָר וואָס די אָרעמע אַלמנה האָט געלעבט אויף דער פאַרם האָט זי ניט צומאָל געחלומט אַז אַזאַ קאָלאָסאַלע רײכטום ליעגט באַהאַלטן אונטער אירע טריט.

ווערנט כמעט דרײ טויזנט פינף הונדערט יאָר האָבן דאָס אידיש פאָלק פאַרמאָגט דעם טײערסטען אוצר אין דער וועלט, די הײליגע שריפט. צײטנווײז האָט מען דיזע שריפט געטרעטן אונטער די פיס און זײ ניט אָפּגעשאַצט. אָבער פילע מענשן האָבן אָנערקענט זײער אומגעהײערן ווערטה, און אַנדערע פעלקער האָבן געוואוסט ווי זײ אָפּצושאַצן. גוים האָבן גענומען באַטראַכטן די ביבל אַלס דעם גרעסטן אוצר וואָס די וועלט פאַרמאָגט.

אָבער פאַר פילע אידן זענען די שריפטן פון זײערע נביאים אַזוי ווי אַ פאַרזיגלטער בוך. דאָך האָבן זײ אומבאַוואוסטזיניג געפאָלגט וואָס עס האָט געזאָגט דער חכם:

„שלח לחמך על־פני המים כי ברב הימים תמצאנו.“ קהלת 11: 1.

„וואַרף דײן ברויט אויף די וואַסערן ווײל דו וועסט עס נאָך פילע טעג צוריקגעפינען.“

די אידן האָבן די הײליגע שריפט, אָט די גײסטיגע ברויט, אָפּגעהיט פאַר דער וועלט. די ביבל האָט גײסטיג ערנערט און געזעטיגט די הערצער פון אומצעהליגע מיליאָנען גוים. איז שוין ניט צײט אַז דאָס אידיש פאָלק זעלבסט זאָל אויך געניסן די פרוכט פון געטלעכן בוים? אויב גאָט האָט אַזוי געבענשט די גוים וועלכע האָבן געלעזן, געפאָרשט און געגלויבט דיזע שריפטן פון די אידישע נביאים, וועט ער ניט פונקט אַזוי בענשן די קינדער פון יענע נביאים וועלכע וועלן פאָרשן און אויסגעפינען ווי פינקטליך דיזע נבואות זענען ערפילט געוואָרן?

מיט אַזאַ צוועק אין זינען רעקאָמענדירט דער שרײבער דאָס ביבל צום אידישן לײענער. אויב ער וועט זוכן דעם גרויסן אוצר וואָס געפינט

זיך באהאלטן אין די הייליגע שריפט, וועט דערפון זיין גלויבן אין די אידישע נביאים זיך שטארקן און מעהרן. דער שרייבער האָפט אז די באגייסטערונג און די אינפאָרמאציע וואָס דער לייענער וועט פון דיזן ביכל קריגן וועט פירן דערצו אז ער זאָל אויך ווייטער פאָרשן די נבואות פון תנ"ך ביז ער וועט גרינטליך גלויבן אין אים וועלכער איז דער קדוש ישראל דער חפץ כל־הגוים, דער באגעהרטער פון אלע פעלקער.

ס. א. קאפלאן.

אינהאַלט

קאפיטל 1
די שאַרפשטיינס קומען צו דער לעקטשור 5

קאפיטל 2
אַ טשאַלענדזש צו אַ נביאות — קאַנקורס 14

קאפיטל 3
די פּראָבע הויבט זיך אָן 21

קאפיטל 4
ווי אזוי צו באַווייזן די פאַלשקייט פון דער ביבל 26

קאפיטל 5
מִצרים ברענגט אַפּיקורסים אין אַ פאַרלעגנהייט 31

קאפיטל 6
אַ דרייסטע נביאות פון דניאל 41

קאפיטל 7
יעדער איד איז אַ נס מִין השמים 47

קאפיטל 8
סקעפּטיקער געצוואונגען צו זאָגן עדות פאַר דער ביבל . . . 54

קאפיטל 9
אַ הערשער פאַרזוכט צו ברעכן אַ נבואה 65

קאפיטל 10
משיח — דער צענטער פון נביאות און געשיכטע 70

קאפיטל 11
וואָס דער פריידענקער האָט צו געבן 83

קאפיטל 12
וואָס דאָס גלויבן אין גאָט און משיח האָט צו געבן 90

קאַפּיטל 1

די שאַרפשטיינס קומען צו דער לעקטשור

יאָסעלע שאַרפשטיין האָט זיך אַ קער געטון צו זיין פאָטער, און האָט מיטן פינגער אָנגעוויזן אויף אַן אַדוועטייזמענט וואָס ער האָט נאָר וואָס געלעזן. זיין שטימע האָט אויסגעדריקט דערשטוינונג: „פּאַפּאַ, לעז דאָס.“

מר. שאַרפשטיין האָט גענומען די צייטונג און געלעזן אויף אַ קול און זיין טאָן איז געוואָרן אַלץ סאַרקאַסטישער לעזנדיג:

„אפיקורסים איינגעלאַדן צו אַ דעבאַטע!

„אַן אויסערגעוויינטלעכע לעקטשור געגעבן פון דוד בערגמאַן, אַ געוועזענער אפיקורוס. אַלע סקעפּטיקער, חוזק מאַכער, אפּיקורסים אומגלויביגע, — כל המינים צוויפלער, — זענען ספּעציעל איינגעלאַדן צו הערן דיזע וויכטיגע לעקציע. זיי מעגן דעם רעדנער איבעררייסן צו יעדער צייט מיט פראַגן אָדער אָפּלייקענען זיינע סטייטמענטס. אוב איך זייט אַ פריידענקער, אָדער אַן אַטעאיסט, קומט! דיזע פאַרזאַמלונג איז ספּעציעל אַראַנזשירט פאַר אייך!“

מר. שאַרפשטיין האָט די צייטונג אַוועקגעלעגט, און מיט טיפער פאַראַכטונג געזאָגט: „דער בחורל שליסט טאַקע אריין אַ סך אין זיין איינלאַדונג.“

„דיך אויך, פּאַפּאַ! אָט האָסטו אַ געלעגנהייט,“ האָט יאָסעלע לוסטיג אַ זאָג געטון. „דו פרעגסט דאָך שטענדיג שאלות פון רבנים און גלויביגע וואָס זיי קענען ניט ענטפערן. לאָמיר־זשע געהן און הערן אָט דעם רעדנער. איך האָב אויך עטלעכע פראַגן אים צו פרעגן.“ דאָס האָט יאָסעלע געזאָגט, ניט ווייל ער האָט געהאַט עפּעס פעסט־באַשטימטע פראַגן, נאָך ווייל ער האָט שטאַרק געוואָלט אַז זיין טאַטע זאָל צעשלאָגן דעם רעדנער׳ס אַרגומענטן.

„איך דענק ניט אַז דעם רעדנער וועלן שטאַרק געפעלן מיינע פראַגן, יאָסעלע,“ האָט דער פאָטער מיט אַ זעלבסט־צופרידענעם שמייכל געזאָגט, אונטערשטרייכנדיג דאָס וואָרט „מיינע.“

„אָבער די איינלאַדונג איז ספּעציעל צו אפּיקורסים אַז זיי זאָלן קומען מיט זייערע פראַגן,“ האָט דאָס אינגל געזוכט איבערצייגן זיין טאַטן.

„יאָ, איך ווייס — און ס׳איז אַ גאַנץ געראָטענער אָנשטעל,“ האָט יהודה שאַרפשטיין צוגעגעבן.

„דענקסטו אַז ס׳איז ניט מער ווי אַן אָנשטעל, אַ קונץ וואָס זאָל ברענגען אַן עולם?“

„אומגעפער אַזוי. איך האָב קיינמאָל פון אַזאַ פאַרזאַמלונג ניט געהערט. אויב ער ערפילט וואָס ער זאָגט צו וועט זיין אַז אָך און וועה צו דער פאַרזאַמלונג.“

„פּאַפּאַ, לאָמיר גערן און זעהן וואָס דאָרט קומט פּאָר. אפשר ווערסטו דאָך זיין סורפּראַיזט,“ האָט יאָסעלע געבעטן.

„אַוואַדע וועלן מיר געהן,“ האָט דער טאַטע ענדליך איינגעוויליגט, ניט ווייל שאַרפשטיין זעלבסט איז געווען נייגעריג צו געהן, אָבער ער האָט געוואָלט אַז יאָסעלע זאָל דענקען אַז ער טוט עס צוליב אים.

יאָסעלע איז געווען אַן ענערגישער און פּראָגרעסיווער יונגערמאַן פון ארום צוואַנציג, דערצויגן אין אַ אַפּיקורסישער היים. זיין פּאָטער איז געווען אַ שטאַרק־געבויטער דאָגמאַטישער מענש פון דורכשניטלעכער בילדונג, מיט אַ שאַרפן מח, כאָטש אַביסל ציניש.

אַלס זיי האָבן דיסקוטירט וועגן דעם מאָדנעם אַדווערטייזמענט, זענען אָנגעקומען מרס. שאַרפשטיין און איר טאָכטער דבורה. מרס. שאַרפשטיין איז געווען אַ מוטערלעכע פרוי וואָס האָט ליב געהאַט איר היים. דבורהלע איז געווען אַ מיידל פון אַכצן יאָר, דורך און דורך „מאָדערן“, וואָס מיט איר פּולפּול׳דיגער שאַרפזיניגקייט האָט זי ערשטוינט איר פּאָטער, אויפגעשוידערט איר מוטער און אַנטציקט איר ברודער.

„איר האָט שוין ווייטער דיסקוטירט וועגן רעליגיע,“ האָט זי אַ לאַך געטון אַלס איר אויג האָט באַמערקט אַז איר פּאָטער איז אַ ביסעלע קריגעריש געשטימט.

„ניט געטראָפן, שוועסטער,“ האָט יאָסעלע איר פאַרזיכערט, „עס איז בלויז געווען אַ פאָרשפּיל פון אַ פילפּאַכער רעליגיעזער דעבאַטע.“

„אַ פילפּאַכע ר ע ל י ג י ע ז ע דעבאַטע!“ האָט זי אויסגעשריהען כמעט צוטומלט פון דערשטוינונג. „וואָס מיינסטו דערמיט?“

„אַ געוויסער בחור, אַ געוועזענער אַפּיקורוס, אַדווערטייזט אַז ער וועט דעבאַטירן מיט אַלעמען אויף אַמאָל,“ האָט יאָסעלע געענטפערט, און זיינע אויגן האָבן אַ פינקל געטון בשעת מעשה.

„ערקלער מיר וואָס דאָס באַדייט, סער,“ האָט זי גאוה׳דיג געפאָדערט. „רעד צו דער זאַך.“

„איך איבערטרייב ניט — אָט לעז,“ און ער האָט דעם אַדווערטייזמענט געוואָרפן אין אירע הענד.

זי האָט עס איבערגעלעזן מיט איבערראַשונג. „הע! אַ צו גרויסער אָרדער. ער קען עס ניט טון! ער איז מסתמא אַ רעליגיעזער שווינדלער,“ האָט זי באַשלאָסן.

„ניין, ווייל די פאַרזאַמלונגען זענען געשטיצט פון פּראָמינענטע סיטיזענס וועמעס נעמען געפינען זיך ווייטער אָן — זעה,“ האָט יאָסעלע אָנגעוויזן.

דבורה האָט שעלמיש אַ קוק געטון אויף איר פּאָטער, אָבער גערעט האָט זי צו איר ברודער. „איך טרעף אַז פּאַפּאַ וועט פיל תענוג שעפּן אויף דער פאַרזאַמלונג.“

„היינט ביינאַכט איז די פאַרזאַמלונג; ווילסטו געהן?“ האָט יאָסעלע אייפעריג געפרעגט אַלס ער האָט זי אָפּגעצויגן אויף אַ זייט.

„וועט פּאַפּאַ געהן?“

„יעס.“

„אויב אַזוי וועל איך שוין געווים געהן. איך טרעף אַז פּאַפּאַ וועט דאָרט קריגן אַ מפּלה!“

„דענקסט אַזוי?“ האָט יאָסעלע אויסגערופן.

„אויב איך ד ע נ ק אַזוי?“ האָט זי אים נאָכגעקרימט. „איך בין זיכער וועגן דעם. דענקסטו אַז אַ מאַן וועט וואַגן אַריינשטעלן אַזאַ אַדווערטייזמענט געשטיצט פון דיזע סיטיזענס, סיידן ער איז גוט באַקאַנט מיט זיין — — זיין — —“

—„ביבל“ האָט יאָסעלע איר אונטערגעהאָלפן, און זיי זענען אַוועק זיך גרייט מאַכן צו געהן.

כאָטש די שאַרפשטיינס זענען אָנגעקומען פופצעהן מינוט פאַר דער צייט, האָבן זיי קוים געפינען פּלעצער אין גרויסן זאַל.

„ס'וועט ניט לאַנג נעמען ביז ס'וועט זיין „סטענדינג רום אָנלי,“ האָט יאָסעלע געשושקעט צו דבורה'לען.

„איך בין זעהר נייגעריג צו זעהן ווי אַזוי וועלן זיי אָנפירן אַזאַ מאָדנע פאַרזאַמלונג ווי דיזע,“ האָט מר. שאַרפשטיין באַמערקט אַלס ער האָט זיך באַקוועם אוועקגעזעצט.

„מיר וועלן ניט דאַרפן לאַנג וואַרטן — זעה, זיי געהן שוין אַרויף אויף דער בימה,“ האָט דבורהלע אָנגעוויזן. „איך ציטער ממש פון נייגעריגקייט.“

„זעה,“ האָט מר. שאַרפשטיין אויסגעשריהען,“ דר. בערנשטיין איז טשערמאַן פון דער פאַרזאַמלונג! דוד בערגמאַן מוז האָבן אַ וויכטיגן מעסעדזש אַז דער פּראָמינענטסטער דאָקטאָר פון דער שטאָט זאָל איב פאָרשטעלן צום פּובליקום.“

פּונקט דאַן איז מר. בערגמאַן, אַ מאַן פון איבער דרייסיג, פון איבער מיטלן וואוקס, שטעל צוגעגאַנגען און אָהן שום זעלבסט־באַוואוסטזיין, פאַרנומען זיין פּלאַץ לעבן דר. שטיינבערג, וועלכער האָט מיט אים פאַרפירט אַ געשפּרעך ווערנט דאָס פּובליקום האָט זיך אַליץ געמערט.

„קוק!“ האָט דבורהלע אויסגעשריהען אַלס בערגמאַן האָט זיין פּנים געקערט אין זייער ריכטונג. „מר. בערגמאַן קוקט אויס ווי אַ גאַנץ פרידליכער מענש. איך האָב מיר אים פאָרגעשטעלט גאָר אַנדערש. ער זעהט אויס אַזוי רוהיג פּונקט ווי ער וואָלט געזעסן אין זיין הויז מיט אַ פריינד.“

„וואָס האָסטו געדענקט? אַז ער וועט אויסזעהן עפּעס ווי בלוטדורשטיגער גלאַדיאַטאָר?“ האָט איר ברודער אָפּגעלאַכט פון איר.

„געווים ניט,“ האָט זי בליץ־שנעל געענטפערט,“ אָבער איז עס מעגליך אַז ער באַגרייפט אַז באַלד ווי ער וועט אָנפאַנגען רעדן וועט זיך אויף אים אויסגיסן אַ וואולקאַן מיט פראַגען?“

„עס שיינט ניט אַז ער זאָל זיין שטאַרק באַזאָרגט וועגן דעם. איך דענק ער ווייסט בעסער ווי דו וואָס אים ערוואַרט, און אַז זיין רוהיגקייט נעמט זיך פון זעלבסט־צוטרוי וואָס קומט פון ערפאַרונג.“

דער טשערמאַן האָט די פאַרזאַמלונג געעפנט. „אַ סעריע לעקטשורס וועגן די פּראָפעציייאונגען פון אידישע נביאים וועלן דאָ געהאַלטן ווערן יעדן זונטאָג נאָכמיטאָג ווערנט די נעקסטע עטלעכע וואָכן,“ האָט דר.

בערנשטיין אָנגעפאַנגען. „דער היינטיגער דור איז אַ דור פון ספוק, סקעפּטיציזם. דער רעדנער, מר. בערגמאַן, איז ערצויגן געוואָרן אין אַן אַפּיקורסישער היים. ער איז אַמאָל אַליין געווען דורך און דורך אַן אַפּיקורוס. ער האָט איינגעלאַדן אַלע מינים סקעפּטיקער דאָ אין דעם זאַל, און ער גיט זיי די געלעגנהייט צו קריטיקירן זיינע סטייטמענטס, און אפילו אים איבערשלאָגן זיינע רייד כדי צו שטעלן פראַגן אָדער אַפּלייקענען זיינע סטייטמענטס. עס איז מר. בערגמאַ־ס ערנסטער פאַר־זוך צו העלפן סקעפּטיקער צו וויסן דעם אמת וועגן דער ביבל. מר. בערג־מאַן וועט אייך איצט ערקלערן וואָס עס איז דער צוועק פון זיינע לעקט־שורס."

אַ טיפע שטילקייט האָט אַרומגענומען דעם גרויסן עולם אַלס דוד בערגמאַן איז רוהיג צוגעגאַנגען צו דער טריבונע. ער איז געשטאַנען שווייגנדיג אַ פּאָר מאָמענטן און באַטראַכט דעם ים מענשן מיט זיינע רוהיגע אויגן.

„יעדער פון אייך האָט אַ פאַלשן באַגריף וועגן וואָס איך פּלאַן צו טון," האָט ער אָנגעפאַנגען.

„אָ, איך האָב עס ערוואַרט, איך האָב עס ערוואַרט," האָט מר. שאַרפּ־שטיין געמורמלט אַלס פילע אַנדערע פון פּובליקום האָבן אויסגעדריקט זייער אַנטוישונג.

„אַהאַ!" האָט דבורהלע כמעט אויסגעשריהען, ווערנט יאָסעלע איז געזעסן און געשוויגן.

„איך בין ניט געקומען אַהער אימיצן איינלאַדן צו אַ דעבאַטע. איך לאַד ניט איין אַפּיקורסים אָדער אַטעאיסטן," האָט ער רוהיג פאָרטגע־זעצט. דאָס פּובליקום איז אומרוהיג געוואָרן.

„איך וועל אויך ניט ענטפערן אַטעאיסטן אָדער אַטעאיזם." מר. בערגמאַנס שטימע האָט געקליינגען שטאַרקער און מען האָט זיין קול געהערט איבער דעם מורמלען פון אומצופרידנהייט וואָס האָט זיך גע־הערט אין יעדן ווינקל פון זאַל.

„ס'זעהט אויס ווי אַ גרויסער שפּאַס און פייק," האָט אויסגעברומט מר. שאַרפּשטיין, און זיך אויסגעלאַכט מיט פאַראַכטונג, „צו וואָס פאַר־לירן דאָ נאָך צייט? איך שלאָג פאָר מיר זאָלן אַהיימגעהן." און ער האָט זיך גענומען אויפשטעלן.

„אָבער דאָך ווערן אַפּיקורסים און סקעפּטיקער איינגעלאַדן. אַטעאיזם און אומגלויביגע וועלן דאָך הערן באַווייזע קעגן אַטעאיזם און אומגלויבן," האָט בערגמאַן צוגעזאָגט אין אַ קלינגענדיגער שטימע.

די וואָס זענען אויפגעשטאַנען האָבן זיך גלייך אַנידערגעזעצט. „אויב אַזוי בין איך אינטערעסירט," האָט שאַרפּשטיין געזאָגט. „איך וועל בלייבן און הערן."

דער גרויסער עולם איז ווידער שטיל געוואָרן און געזעסן מיט אויס־געשטרעקטע קעפּ, כדי ניט פאַרלירן אפילו איין וואָרט פון רעדנער. דוד בערגמאַן האָט געשמייכלט, ווייל ער האָט גוט פאַרשטאַנען די געפיהלן פון די פאַרזאַמלטע, זייער אַנטוישונג, זייער שפּאָט און פאַראַכטונג, און

איצט זייער נייגעריגן אינטערעס. דער רעדנער איז צוגעגאַנגען צום סאַמע עק פון דער בימה און געזאָגט, רוהיג אָבער מיט ערנסטקייט:

„יאָ, סקעפּטיקער ווערן איינגעלאַדן, און זייער סקעפּטיציזם וועט דאָ קריגן דעם ריכטיגן ענטפער. אָבער ניט פון מיר, די היינטיגע אפּיקור־סים, און די סקעפּטיקער פון דיזן פּובליקום גופא זענען דערוויזן גע־וואָרן אַלס פאַלש פילע הונדערטער יאָר צוריק פון איינעם וועלכער איז אומגעהייער קלוגער ווי איך.

„מיין צוועק איז אייך פאָרברענגען געוויסע פאַקטן. איר וועט האָבן די געלעגנהייט צוצושטימען צו זיי אָדער זיי אָפּלייקענען. און אַזוי ווי איך געב אייך יעדע געלעגענהייט צו שטעלן פראַגן וועגן מיינע סטייט־מענטס, און אַזוי ווי איך ערלויב אייך און בעט אייך אַז איר זאָלט מיר איבערשלאָגן מיינע רייד צו יעדער צייט מיט פראַגן אָדער אָפּלייקענען, וועט אייער שווייגן באַטראַכט ווערן אַלס הסכמה, אַלס צושטימונג צו מיינע סטייטמענטס. איז דאָס רעכט ביי אייך?“

„יאָ, יאָ, רעדט ווייטער,“ האָבן איניגע אומגעדולדיג געענטפערט.

„אייערע פראַגן אָדער אָפּלייקענונגען מוזן נאַטירליך האָבן אַ שייכות מיטן ענין וואָס ווערט דאָ דיסקוטירט. דיזע לעקטשורס פאָלגן איינע די אַנדערע לויט אַ לאָגישן פּלאַן, און אויב איר וועט קומען הערן די גאַנצע סעריע, וועלן פילע פון אייערע אומצייטמעסיגע פראַגן וואָס איר וועט אפשר פרעגן, שפּעטער באַהאַנדלט ווערן.

„לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַז מיר זענען אַלע סקעפּטיקער, אפילו איך זעלבסט. אָבער מיר אַלע צוזאַמען זוכן ערנסט, הערליך און אויפריכטיג די וואָרהייט וועגן אָט דעם מאָדנעם, אויסערגעוויינטליכן בוך וואָס איך האַלט אין מיין האַנד — איך מיין די ביבל. איך בין בלויז אייער קאַפּיטאַן אויף דיזער פאָרשונגס־רייזע.

„מערקט אייך: איך וועל ניט געברויכן קיין מאַטעריאַל מיט וועלכן מיר זענען ניט אַלע איינשטימיג. מיר וועלן פּראָגרעסירן אַלע צוזאַמען, אָדער בלייבן שטעהן צוזאַמען. יעדער סטייטמענט אויף וועלכן אַלע קענען ניט צושטימען וועלן מיר גלייך אָן אַ זייט וואַרפן. מיר וועלן פאָרשרייט מאַכן נאָר צוזאַמען.

„ווייטער וואָרן איך אייך אַז איך וועל פּראָגרעסירן פון פּונקט צו פּונקט אָנהויבנדיג פון אַטעאיזם ביזן גלויבן. אייער פליכט איז קרי־טיקירן אָהן רחמנות יעדן פעהלער וואָס איר וועט געפינען אין דיזן פּראָצעס. איך בין פּונקט אַזוי גערן ווי איר אַז די פעהלערן זאָלן אַנט־דעקט ווערן. איך וויל איר זאָלט מיר העלפן פּונקט ווי איך וויל אייך העלפן. דאָס איז צו אַ וויכטיגער ענין אַז איך זאָל ריזיקירן אַ טעות מאַכן. אַלזאָ איך בין גערן איר אַלע זאָלט מיר העלפן. געפינט אויס די פעה־לערן אין מיינע סטייטמענטס און ציינט מיר אָן אויף זיי. אָבער אויב איר וועט קיינע פעהלערן ניט געפינען דענק איך אַז איר וועט האָבן דעם מוט צו גלויבן וואָס איך וועל אייך דאָ איבערציייגן.“ מר: בערגמאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ מינוט צו זעהן צי דער עולם וועט צושטימען צו זיין פּלאַן.

„ס'איז אן אומגעהייער דרייסטער פּלאַן,‟ האָט אימיצער אויסגע־שריהן.

„ס'אַן אוממעגלעכע זאַך,‟ האָט חוזק געמאַכט אַ צווייטער.

„ס'איז אַ יושר'דיגער פּלאַן, אויב ער וועט האַלטן וואָרט, האָט באַ־מערקט מר. שאַרפּשטיין. דאָס איז געווען די מיינונג פון דער מאַדזשאָריטי פון פּובליקום, אָבער זעהר ווייניגע האָבן געגלויבט אַז דער לעקטשורער מיינט טאַקע וואָס ער זאָגט.

„אָל ראַיט, מיר זענען מסכים אויף דעם; אַלזאָ לאָמיר הערן ווייטער,‛ האָט אויסגערופן אַ שטאַרקע שטימע פון הינטן.

דוד בערגמאַן האָט אויפגעהויבן אַ קליין ביבל מיט לעדערנעם באַנד און האָט עס געוויזן צום פּובליקום אין דער רעכטער האַנד. „אָט איז אַ בוך וואָס הייסט די ביבל. אויסערגעוויינטלעכע זאַכן ווערן געזאָגט וועגן אָט דעם בוך. די הייסע פריינד פון דער ביבל זאָגן אַזש אַז דאָס איז גאָט'ס וואָרט. מיליאָנען מענשן האָבן מיט פרייד זייער לעבן געאָפּפערט פאַר אָט דעם בוך, און נאָך מיליאָנען מענשן זענען גרייט צו טון דאָס זעלביגע ווען עס וואָלט נויטיג זיין.

„ווי געזאָגט זענען מיר דאָ אַלע סקעפּטיקער, צווייפלער; אָבער אַ בוך פאַר וועלכן מיליאָנען זענען געשטאָרבן און נאָך מיליאָנען זענען גרייט צו שטאַרבן דערפאַר, — אַזאַ בוך פאַרדינט אויסגעפאָרשט ווערן. מיר זענען אַלע ווילינג אויספאָרשן אָט דעם בוך.

„ווי אַזוי וועלן מיר אויספּרובירן אַ בוך וועגן וועלכן עס ווערן גע־זאָגט אַזעלכע אויסערגעוויינטלעכע זאַכן? וואו זאָלן מיר אָנהויבן? וועל־כער טייל פון דער ביבל איז אַם בעסטן אָפן צו קריטיק? פאַרמאָגט די ביבל עפּעס אַן אייגנשאַפט וואָס אונטערשיידעט עס פון אַלע אַנדערע ביכער אין דער וועלט?

„לאָמיר אָקאָרשט לייענען אין דעם בוך און זעהן. אָט לייען איך, „פּראָ־בירט אויס אַלע זאַכן; האַלט פעסט דאָס וואָס איז גוט.‟ 1 טעסאַלוניקער 5: 21. זענען מיר אַלע איינשטימיג דערמיט?‟

מר. בערגמאַן האָט געוואַרט אויף אַן ענטפער. קיינער האָט ניט געהאַט דאַגעגן.

„גוט; מיר זענען איינשטימעג. „קומט איצט, און לאָמיר זיך דורכריידן צוזאַמען, זאָגט גאָט.‟ ישעיה 1: 18. אפילו דער גרעסטער סקעפּטיקער וועט איינשטימען אויף דיזער איינלאַדונג. מערקט אַז דאָס דורכריידן זיך איז „צוזאַמען.‟ אָבער גאָט גיט אָן זיינע באַווייזע צוערשט כדי מיר זאָלן זיי קענען אויספּרובירן. האָט אימצער עפּעס דאַגעגן?‟

ווידעראַמאָל האָט מר. בערגמאַן געוואַרט אויף אַן ענטפער, אָבער קיינער האָט ניט געוואַגט זאָגן אַ וואָרט.

„ווי אַזוי וועלן מיר אויספאָרשן דיזן בוך? האָבן די שרייבער דער־פון אונס געגעבן עפּעס אַ מיטל ווי אַזוי אויסצופּראָבירן די סטייטמענטס פון דער ביבל, אָדער אַ געוויסן טייל דערפון? איז פאַראַן אַ טייל פון דער ביבל וואָס זיי הייסן אונס ספּעציעל אויספּראָבירן?

„אויב אין דער ביבל זענען פאַראַן טיילן וועלכע ווערן באַטראַכט אַלס

באַזונדער וואונדערליך, וועלן מיר דיזע טיילן אויספּראָבירן. מיר וועלן איצט ניט באַהאַנדלען די פראַגע צי איז די גאַנצע ביבל דאָס וואָרט פון גאָט. מיר וועלן בלויז אויסקלייבן אַ טייל און עס גרינטליך און קריטיש אונטערזוכן.

„אויב מיר וואָלטן זוכה געווען אַזוי ווי דער אידישער אַפּאָסטל פּעט־רוס, צוצוזעהן דעם משיח׳ס כבוד און הערן גאָט׳ס שטימע וואָס האָט געערדט צו זיין זוהן ישו, וואָלטן מיר געהאַט זעהר איבערצייגנדע באַ־ווייזע. אָבער פּעטרוס, דערציילנדיג וועגן דיזער ערפאַרונג (זעה 2 פּעט־רוס 1: 16־21) זאָגט ער אַז עס זענען פאַראַן פיל בעסערע באַווייזע ווי זעלבסט צו הערן גאָט׳ס שטימע. „מיר האָבן אויך אַ מער זיכערעס וואָרט פון נביאות.“ און לסוף זאָגט ער, „נבואה איז ניט געקומען אין דער אַלטער צייט דורך דעם ווילן פון מענשן, נאָר הייליגע מענער פון גאָט האָבן גערעדט לויט ווי דער רוח הקודש האָט זיי באַוועגט.“

מר. שאַרפשטיין איז גלייך אויפגעשטאַנען, און זיין הויכע פיגור האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון פּובליקום. אַ צאָל מענשן וואָס האָבן געוואָלט הערן בערגמאַנען ריידן, האָבן געשריהען, „זעצט זיך אַנידער! וואַרפט אים אַרויס!“

אָבער אַ סך מערערע שטימעס האָבן אים ערמוטיגט: „האָט קיין מורא ניט, פריינד, און רעדט.“ זיי האָבן זיך געפּרעהט אַז מע וועט אַזוי גיך אויספּראָבירן דעם רעדנער׳ס איינלאַדונג אַז מע זאָל אים אונטערברעכן ווען מע וויל.

דוד בערגמאַן האָט זיך גלייך אָפּגעשטעלט און האָט געשמייכלט צו דער הויכער פיגור וואָס האָט געוואַרט אַז דער רעדנער זאָל אים דער־זעהן. מר. בערגמאַן האָט אויפגעהויבן זיין האַנד. אַלע זענען אַנטשוויגן געוואָרן.

„אַלס וואָס איך בעט,“ האָט ער רוהיג געזאָגט, „איז אַז איר זאָלט אָנגעבן אייער נאָמען, און מאַכט אייער סטייטמענט קורץ און צו דער זאַך. דאָס בעט איך פון אַלע וואָס וועלן דערנאָך רעדן. איצט וועל איך גערן הערן וואָס איר ווילט זאָגן, סער.“

אַלע אויגן האָבן געקוקט אויף שאַרפשטיינען. ער האָט זיך געפּיהלט ווי אַ העלד וועלכער קעמפט פאַר אַ נאָבעלער זאַך, און האָט אויסגע־זעהן העכער ווי ער איז. זיין האַלטונג איז געווען אַן ערנסט־שטאָלצע.

דבורהלע האָט אַריינגעשושקעט אין יאָסעלעס אויער: „פּאַפּאַ האָט ניט מורא צו זאָגן וואָס ער דענקט.“ יאָסעלע האָט שמייכלדיג צוגעשטימט, און האָט איר אַ וואונק געטון זי זאָל זיין שטיל.

„מיין נאָמען איז שאַרפשטיין. מיין סטייטמענט וועט זיין קורץ און שאַרף. אָבער איך צווייפל צי וועט איר שטאַרק הנאה האָבן פון מיינע ווערטער. אָבער איר האָט עס אַליין איינגעלאַדן. מיך וואונדערט אַז אַזאַ אינטעליגענטער מאַן ווי איר זאָל פּראָבירן ריידן צו דיזן פּובליקום וועגן אַזאַ אַלטמאָדישער און לעבערלעבער זאַך ווי נביאות. ניטאָ אַזאַ זאַך ווי אמתע נביאות. די פאַקטן ווערן אַזוי צעדרעהט אַז זיי זאָלן צופּאַסן צו דער נביאות. און אפילו אויב אַ נביאות שיינט יאָ ערפילט צו ווערן איז



די אידישע נביאים האָבן אָנגעשריבן וואָס גאָט האָט זיי געהייסן.

עס ניט מער ווי אַ צופאַל. צום שלום: די פּראָפּעצייאונגען זענען מערסטנס אָנגעשריבן געוואָרן נאָך דער ערפילונג, און אַזוי פּאַסט מען עס צו. ווער עס וויל קען שרייבן אַזאַ מין נביאות.

„איך וואָלט איצט, למשל זעהר לייכט געקענט שרייבן אַ נביאות וועגן לינדבערג׳ס אריבערפליהן דעם אַטלאַנטישן ים, איך וואָלט געקענט זאָגן אַז די נביאות איז געמאַכט געוואָרן אַ 1000 יאָר צוריק פון אַ בערימטן וויסנשאַפטסמאַן וואָס האָט דאַן געלעבט. שטעלט אייך פּאָר אַז מיט אַ פּופצן הונדערט יאָר נאָך אונזער צייט געפינט מען די דאָזיגע „נביאות“ וואָס איז כלומרשט אָנגעשריבן געוואָרן אַ טויזנט יאָר פאַר דער ערפילונג, און מע וועט טאַקע בפירוש גלויבן אַז יענער וויסנשאַפטסמאַן איז געוועזן אַ זעלטענער נביא.“

„ער האָט רעכט, ער האָט רעכט,“ האָבן זיך אייניגע פון פּובליקום אויסגעדריקט אַלס מר. שאַרפשטיין האָט זיך אַוועקגעזעצט. „אַ צו הארבע שאלה פאַר מר. בערגמאַנען..“

און אַלע אויגן האָבן זיך געווענדעט צו דוד בערגמאַן, וועלכער איז שטיל געשטאַנען ביים עמוד, גרייט צו ענטפערן.

קאַפּיטל 2

אַ טשאַלענדזש צו אַ נביאות — קאָנקורס

אויב דוד בערגמאַן האָט באַמערקט דעם אַנטאַגאָניזם פון פּובליקום, האָט ער עס ניט אַרויסגעוויזן. ער האָט גערעדט רוהיג, אָבער מיט אַ ערנסטקייט וואָס קומט פון טיפער איבערצייגונג.

„נביאות, זאָגט איר, איז זעהר אַבסטראַקט, אומבאַשטימט, פאַרפּירע־ריש, אָדער פּשוט אַ כיטרער טרעף אָדער השערה. איך געב אייך צו אַז אַ טייל מאָל איז נביאות שווער צו פאַרשטעהן און אַז אַמאָל פלעג איך אויך דענקען אַז נבאות איז אומקלאָר.

„אָבער פאַרוואָס זאָלט איר אָנווענדן צו דער ביבל אַ פאָרשונגס־מע־טאָד וואָס איר וואָלט זיך געשעמט אָנווענדן צו אַן אנדער בוך? למשל, ווען איר עפנט צום ערשטן מאָל אַ בוך איבער געאָמעטריע, אין קאַפּיטל וואָס האַנדלט וועגן „סאָלידע קערפּער," און עס איז פאַר אייך אומפאַר־שטענדליך — נאָר כדי ניט אַרויסווייזן אייער אומוויסנהייט וועט איר אפשר זאָגן אַז געאָמעטריע איז זעהר ניט קלאָר. אָבער יעדער ווייסט אַז געאָמעטריע איז די פּינקטלעכסטע פון אַלע וויסנשאַפטן.

מר. שאַרפשטיין איז ווידעראַמאָל אויפגעשטאַנען. מר. בערגמאַן האָט אים אַ ווינק געטון ער זאָל ריידן.

„מיינט איר צו זאָגן אַז נביאות איז פּונקט אַזוי קלאָר ווי געאָמעט־ריע?" האָט ער סקעפּטיש געפרעגט.

„יאָ, פּונקט אַזוי."

„איר מאַכט אייער אויפגאַבע פאַר זיך פיל שווערער ווי זי איז, און עס איז אייער אייגענע שולד." האָט מר. שאַרפשטיין געזאָגט אין אַ טאָן געמישט פון טריומף און מיטלייד.

„מיין אויפגאַבע איז פאַר מיר אַ פאַרגעניגן, האָט דער לעקטשורער שמייכלדיג געענטפערט. „איך האָב געגליכן נביאות צו געאָמעטריע, און אָט פאַרוואָס: אויב איר וועט אָנהויבן שטודירן געאָמעטריע גאָר פון אָנהויב, וועט איר מיט דער צייט פאַרשטעהן די שווערע פּראָבלעמען וואָס ציינגן זיך אייך איצט אויס אַלס אומקלאָר.

„אַזוי אויך מיט נביאות. אייניגע נביאות קומען בעפאָר אַנדערע. עס זענען פאַראַן געוויסע נביאות אין ספר „אַנטפּלעקונג" וועלכע עס איז אוממעגליך צו פאַרשטעהן סיידן מען איז גוט באַקאַנט מיט די נביאות פון דניאל הנביא.

„אויב נביאות קאָן אַזוי לייכט דערוויזן ווערן אַלס פאַלש, טאָ ווי קומט עס אַז צווישן די טויזנטער ביכער וואָס אפּיקורסים האָבן געשריבן איז ניטאָ קיין איינציגער בוך וואָס זאָל אויסרעכענען וועלכע נביאות זענען ניט דערפילט געוואָרן? אויב עס איז טאַקע אַזוי לייכט צו באַ־

ווייזן אַז די ביבל-נביאות זענען ניט מעהר ווי קונציגע השערות, און אויב די דערפילונג פון נביאות איז ניט מעהר ווי אַ קונציגער צופּאַסן פון פּאַקטן אַזוי אַז עס זאָל אויסזעהן ווי אַ דערפילונג, און אויב נביאות זענען אָנגעשריבן געוואָרן נאָך דעם ווי די געשעהנישן זענען פאָרגעקומען; און זענען צוגעפּאַסט געוואָרן צו די נבואות, — טאָ ווי קומט עס אַז אַפּיקורסים און סקעפּטיקער וואָס זוכן אַזוי גערן אַרגומענטן קעגן דער ביבל, ווי קומט עס, זאָג איך, אַז זיי האָבן אַלע פאַרנאַכלעסיגט אַזאַ גאָלדענע געלעגנהייט צו באַווייזן די פאַלשקייט פון דער ביבל?

„וואַרום האָט ניט טאָם פּיין, אָדער ראָבערט אינגערסאָל (צוויי פּראָמינענטע אַפּיקורסים) אָדער איר, מר. שאַרפּשטיין, זיך ניט באַמיהט צו באַווייזן ווי אומגעלומפּערט און אַבסורד זענען די נביאות פון משה ר׳ וועגן דעם אידישן פאָלק, פון ישעיה הנביא וועגן בבל, פון יחזקאל וועגן צר און צידון, פון ירמיהו וועגן מצרים און ארץ ישראל, פון דניאל וועגן רוים און די לענדער אין וועלכע רוים איז צעטיילט געוואָרן, פון ישו הנוצרי וועגן דער פאַרשפּרייטונג פון זיין בשורה טובה און דער ביבל איבער יעדער נאַציאָן, שבט, לשון און פאָלק?"

מר. שאַרפּשטיין איז אויפגעשפּרונגען פון זיין פּלאַץ. דוד בערגמאַן האָט אים ווידער שמייכלדיג איינגעלאַדן צו ריידן. דבורהלע האָט מיט אירע אויגן געווינקט צו איר ברודער.

„מע מוז צוגעבן אַז ער איז אַ גוטער ספּאָרט," האָט זי געשושקעט.

„עס זעהט אויס ער איז צופרידן מע זאָל אים איבעררייסן," האָט יאָסעלע צוגעצעבן.

„קיינער האָט זיך ניט באַמיהט צו ענטפערן אויף די ביבל-נבואות," האָט שאַרפּשטיין געענטפערט אויף אַ הויך קול, „פאַר דערזעלבער אורזאַך וואָס קיינער האָט זיך באַמיהט צו ענטפערן אויף די „דעלפי" אָראַקלען(גריכיש נביאות-זאָגעריי) — עס איז ניט ווערט די מיה. דער היסטאָריקער העראָדאָטוס דערציילט ווי קרעזוס איז געקומען זיך אָנפרעגן ביים דעלפישן אָראַקל צי זאָל ער מלחמה האַלטן מיט די פּערסיער. דער אָראַקל האָט קורץ געענטפערט „אַריבערגעהענדיג איבער די אַלפּן-בערג וועט קרעזוס צעשטערן אַ גרויסע מאַכט." קרעזוס האָט די נביאות טאַקע ערפילט: זיין אייגענע אַרמעע איז צעשטערט געוואָרן! און שפּעטער ווען דער קעניג פּירהוס האָט זיך אָנגעפרעגט ביים אָראַקעל האָט ער אויך געקראָגן אַזאַ צוויידייטיגן ענטפער:

„איך זאָג דיר, אָ פּירהוס, דעם רוימער מעגליך צו באַזיגן." די „נביאות" איז געווען אַזאַ קונציגע אַז ווי די מלחמה זאָל זיך ניט אויסלאָזן וואָלט די „נביאות" אויסגעזעהן צו דערפילט ווערן. אַזוי איז איטלעכע נביאות-זאָגעריי — אַמוזאַנט, און אפשר אַמאָל שאַרפזיניג, אָבער ס׳איז ניט ווערט מע זאָל עס ערנסט באַטראַכטן. איר אָבער, מר. בערגמאַן, מאַכט דערפון אַ גרויס וועזן."

„ביבל-נביאות זענען ווערט מע זאָל זיי באַטראַכטן ווייל צווישן זיי און די דעלפישע אָראַקלען איז פאַראַן אַזאַ אונטערשייד ווי צווישן טאָג און נאַכט," האָט מר. בערגמאַן געענטפערט. „ביבל-נביאות פאַרמאָגט ניט

קיינע ביטרע צווייטיגקייטן. אויב די נביאות איז ניט דערפילט, איז עס פאלש, און די נביאות קען ניט רייגגעוואשן ווערן.

„יעדער אנדערער טייל פון דער ביבל איז דורך און דורך קריטיקירט געווארן פון אפיקורסים. אבער ווען עס קומט צו ביבל־נביאות, האט נאך קיין אפיקורוס ניט געסמייעט זיי ריכטיג אונטערזוכן, נאר זיי בלויז מיט דער האנד אוועקגעמאכט אלס א נישטיגע זאך.“

„און וואס ריזיקירט איר, גלויביגע, ווען נביאות זאל באוויזן ווערן צו זיין פאלש?“ האט מר. שארפשטיין געפרעגט.

„די ביבל שטעלט אלץ אין קאן אויף נביאות. ווארום האבן אפיקורסים קיינמאל ניט געמאכט א פאלקאמענעם שטודיום פון די ביבל־נבואות און אזוי ארום קענען אנטפלעקן צו דער גאנצער וועלט די פאלשקייט פון דיזע נבואות, אויב זיי זענען נישטיג און פאלש ווי איר זאגט?

„איר, מר. שארפשטיין, און אנדערע אפיקורסים שפאט פון נבואות. פילע אזעלכע אומגלויביגע האבן געלעבט אין דער צייט פון אידישן אפאסטל פאולוס. צו זיי און צו אייך האט ער געזאגט: „פאראכט ניט נביאות. פראבירט אוים אלע זאכן; האלט פעסט אלץ וואס איז גוט.“ א טעסאלוניקער 5: 20, 21. מע בעט אייך אלזא פאר אלעמען אויספראבירן נביאות; דאס מיינט, געפינט אויס צי נביאות איז ריכטיג, און אויב יא, האלט עס פעסט.

„אבער פארוואס זענען נביאות א בעסערער באווייז ווי נסים?“ האט שארפשטיין געפרעגט. „איך האב געדענקט אז יעזוס קריסטוס האט די אידן געזוכט איבערצייגן דורך נסים, און אז גלויביגע היינט באטראכטן די נסים אלס דער שטארקסטער באוויז אז די ביבל איז באגייסטערט פון גאט.“

„יעזוס קריסטוס האט פילמאל אנגעוויזן אויף נביאות צו באשטעטיגן זיין לערע,“ האט מר. בערגמאן געענטפערט. „די ערפילונג פון די ביבל־נביאות זענען דער בעסטער מאטעריאל פאר א פראבע, ווייל עס איז שוין נייגצן הונדערט יאר זינט דער לעצטער טייל פון דער ביבל איז אנגעשריבן געווארן, און דריי טויזנט דריי הונדערט יאר זינט די חמישי חומשי התורה זענען אנגעשריבן געווארן.

„איר קענט באטראכטן די נסים וואס ווערן באשריבן אין דער ביבל, נסים וואס האבן פאסירט טויזענטער יארן צוריק, און איר קענט זאגן אז עס זענען אויסגעטראכטע זאכן. אבער איר קענט דאס ניט זאגן וועגן נביאות. נסים וואס זענען אויפגעטון געווארן מיט צוויי טויזנט יאר צוריק קען מען, נאטירליך, היינט ניט זעהן, און דערפאר לייקענען זיי פילע מענשן אין גאנצן אפ. אבער א נביאות וואס איז געמאכט געווארן מיט צוויי טויזנט פינף הונדערט יאר צוריק און וואס איז אנומעלט ערפילט געווארן, איז א פיל שטארקערער באוויז ווי אן אמאליגער נס — מע קען אפילו זאגן אז נביאות און דערפילונג זענען דער גרעסטער נס, ווי עס האט צוגעגעבן דער אפיקורוס היוּאם (ענגלישער פילאזאף — Hume).

„אנדערע באווייזע קען מען פעלשן, ענדערן אדער פארלירן; דער זכרון

קען פּעהלן; ווידערשפּרוכן; עגאָאיסטישע אינטערעסן, אומאָרנטלעבקייט, און אַ טויזנט אַנדערע זאַכן קענען שעדיגן „באַווייזע.“ אָבער נביאות האָט צו טון מיט היסטאָריע, און היסטאָריע איז פאַרצייכענונג פון פאַקטן.

„כדי צו געבן מענשן דעם שטאַרקסטן באַווייז אַז די ביבל איז געטליך באַגייסטערט, האָט גאָט אונס געגעבן עפּעס וואָס האָט צו זיך ניט קיין גלייכן אין דער געשיכטע פון דער וועלט, עפּעס וואָס מע קען ניט נאָכמאַכן אָדער פעלשן, און וואָס ווערט איבערצייגנדער פון יאָר צו יאָר, און פון טאָג צו טאָג.“

דוד בערגמאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט באַטראַכט זיין פּובליקום. קיינער האָט ניט געהאַט וואָס צו זאָגן, האָט ער ווייטער גערעדט:

„אָט דער געטלעכער מעטאָד פון נביאות זאָגן מאַכט אַז אמאָליגע אימפּעריעס, אונטערגעגאַנגענע מדינות, פעלקער און ציוויליזאַציעס, זאָלן שטענדיג באַשטעטיגן די אמתקייט פון דער ביבל.

„אַלע היסטאָרישע ערטער פון אוראַלטערטום — מצרים, סיריע, פעניציע, אַראַביע, צר, צידון, אדום, פּאַלעסטינע, בבל, אַסיריע, נגוה, יהודה, רוים, און פילע אַנדערע לענדער — זענען אַלע עדות וואָס קענען ניט פאַרגעסן, ווידערשפּרעכן, און כאָטש זיי זענען טויט שוין פילע יאָרהונדערטער, דאָך זאָגן זיי עדות ביז היינטיגן טאָג.

„וואָס מעהר צייט עס געהט אַוועק אַלץ מעהרן זיך די באַווייזע אַז די נביאות זענען וואָר. וואָס מעהר מע פאָרשט זיי אַלץ מעהר באַווייזע געפינט מען. ביז איצט האָט נאָך קיינער ניט פאַרזוכט זיי ווידערשפּרעכן.“

מר. שאַרפּשטיין איז ווידעראַמאָל אויפגעשטאַנען. אַלע אויגן האָבן זיך געווענדעט צו אים. מר. בערגמאַן האָט געוואַרט ער זאָל רעדן.

„און אַז מיר וועלן שוין יאָ באַווייזן די פאַלשקייט פון פילע נביאות, וואָס־זשע וועלן מיר אויפטון דערמיט?“ האָט ער געפרעגט.

„די ביבל ריזיקירט איר רעפּוטאַציע אויף אָט דער פעהיגקייט פאָראויסצוזאָגן די צוקונפט. אויב זי קען עס טאַקע טון איז דאָס אַ שלאָגנדער באַווייז אַז די ביבל איז גאָט׳ס וואָרט, ווייל דער מענש אומבאַהאָלפן קען ניט קאָנקרעט פאָראויסזאָגן די צוקונפט אויף אַ איבערנאַטירלעכן אופן.

„גאָט זאָגט אַז נאָר ער אַליין קען פאָראויסזאָגן די צוקונפט. ער זאָגט דערפאַר אין ישעיה 46: 9, 10: „איך בין גאָט, ... און נישטאָ מיין גלייכן, איך זאָג פאָראויס פון אָנהויב דעם סוף, און פון פאַרצייטן די זאַכן וואָס זענען נאָך ניט געשעהן.“

„אָט די פעהיגקייט צו פאָראויסזאָגן איז אַ צייכן פון זיין געטלעכקייט וואָס ער זאָגט אַז קיינער קען דאָס ניט נאָכטאָן. די ביבל טשאַלענדזשט אַלעמען צו פאָראויסזאָגן די צוקונפט: „און ווער, ווי איך, קען פאָראויסזאָגן ... און דאָס קומענדיגע און דאָס וואָס וועט געשעהן זאָלן זיי דערציילן.“ ישעיה 44: 7.

„אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. גאָט פאָדערט אויף אפּעקורסים און סקעפּטיקער: „ברענגט אַרויס אייער אָבזיכט, זאָגט יהוה, ברענגט אַרויס



פישערלייט ביים ים גליל, פאַלעסטינע.

אייערע שטאַרקע אַרגומענטן, — און וואָס זענען אָט די שטאַרקע אַרגו־מענטן? „ערקלערט אונס פאַראויס וואָס עס וועט געשעהן; ערקלערט ... די זאַכן וואָס וועלן שפּעטער קומען. דערציילט אונס וואָס וועט דערנאָך פּאַסירן און מיר וועלן וויסן אַז איר זייט געטער. ישעיה 44: 21-23.

„האָט אייער ביבל ערפילט דיזע קאָנדיציעס?“ האָט מר. שאַרפשטיין געפרעגט. „איך מיין אויף אַ קלאָרן און באַשטימטן אופן?“

„„האָב איך דיר ניט פון אַלטע צייטן ערקלערט און דיר געוויזן?‘“ פרעגט גאָט אין ישעיה 44: 8. און ער זאָגט ווייטער, „איר זייט מיינע עדות,“ האָט דוד בערגמאַן געענטפערט.

„איר, טאַקע, איר, מר. שאַרפשטיין, און די אַנדערע אפּיקורסים און סקעפּטיקער פון דיזן פּובליקום, וועלן זיין די עדות אַז די נביאות פון הונדערט יאָרן צוריק זענען פּינקטליך ערפילט געוואָרן.“

מר. שאַרפשטיין איז ווי אויפגעשפּרונגען אויף די פיס. „מיינט איר אַז איר וועט באַווייזן די ריכטיגקייט פון אייערע נביאות דורך אונס?“ האָט ער געפרעגט מיט גרויס ערשטוינונג.

„דאָס איז פּונקט וואָס איך מיין,“ האָט דער לעקטשורער געשמייכלט, גלייך ווי ער וואָלט שטאַרק הנאה געהאַט וואָס דאָס פּובליקום איז גע־ווען אַזוי שטאַרק איבערראַשט.

„אָבער מ י ר גלויבן ניט אין אייער ביבל; מ י ר דענקען אַז די נביאות זענען ניט מעהר ווי נאַרישקייט פון ערגסטן זאָרט, און דאָך זאָגט איר אַז איר וועט באַווייזן דורך אונס אָט די זאַכן וואָס מיר גלויבן ניט אין זיי.“ מר. שאַרפשטיין איז געווען זעהר סקעפּטיש.

„דבורהלע האָט געשושקעט צו איר ברודער, „דער לעקטשורער האָט ווי עס זעהט אויס עפּעס אינטערעסאַנט פאַרצוברענגען; זעה, אפילו פּאַפּאַ איז זעהר נייגעריג!“

יאָסעלע האָט געשמייכלט. „יאָ, און פּאַפּאַ איז ניט דער איינציגער וואָס איז נייגעריג. קוק אַרום,“ האָט ער איר צוריק געשושקעט.

זי האָט אַ קוק געטון. יעדע געזיכט צווישן פּובליקום האָט אויסגע־דריקט טיפן אינטערעס; די אויגן האָבן געפונקלט מיט נייגעריגקייט.

„דער פאַקט אַז איר זייט אומגלויביגע, אומווילינגע עדות, מאַכט אייער עדות פאַר נאָך וויכטיגער,“ האָט מר. בערגמאַן פאָרטגעזעצט אַלס מר. שאַרפשטיין האָט זיך אוועקגעזעצט. „גאָט האָט ערקלערט מיט צוויי טוי־זנט פינף הונדערט יאָר צוריק אַז ער וועט באַווייזן די ריכטיגקייט פון זיין וואָרט טאַקע דורך די סקעפּטיקער גופא וועלכן צווייפלען זיין וואָרט. איך ווייס דאָס איז זעהר אַ דרייסטער סטייטמענט. אָבער דורך אייערע באַווייזע גופא וועלן דאָ באַשטעטיגט ווערן די נביאות פון דער ביבל.

„כאָטש די וויסנשאַפט האָט געלעזט פילע שווערע פּראָבלעמען, און האָט אויפגעטון כמעט נסים, אָבער ווען עס קומט צו וויסן די צוקונפט — אויף אָט דעם געביט האָט די וויסנשאַפט ניט געמאַכט דעם מינדעסטן פּראָגרעס. וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען, דאָס איז פאַר מענשן אַ טיפע געהיימניש. וועגן דער צוקונפט קען דער מענש זיך בלויז משער זיין אָדער פּרובירן טרעפן, אָבער וויסן — דאָס ניט.

„און דאָך איז די צוקונפט אַנטפּלעקט געוואָרן — אין דער ביבל! וואָס זאָל מען זאָגן וועגן אָט דעם בוך פון אַלע ביכער וואָס איז פול מיט נבואות וואָס באַציהען זיך אויף אַלע צייטן און אויף אַלע פעלקער, נבואות וועגן פּאַסירונגען וואָס האָבן לחלוטן קיין פאַרבינדונג ניט געהאַט מיט די אומשטענדן פון דער צייט וואָס די נביאות זענען געמאַכט געוואָרן און וואָס האָבן אויסגעזעהן אַזוי ניי און מאָדנע אַז עס איז פּשוט אומגלויבליך אַז אַזעלכע זאַכן זאָלן ווען עס איז ערפילט ווערן. און חאָטש אָט די דאָזיגע נבואות צעהלן זיך אין די הונדערטער, דאָך האָט קיין איינציגע פון זיי ניט פאַרפעהלט ערפילט צו ווערן, און די באַווייזע פון זייער דערפילונג קענט איר היינט זעהן מיט אייערע אויגן. איך פרעג אַלזאָ: וואָס זאָל מען זאָגן וועגן אַזאַ בוך?

„אין די פּסוקים וואָס איך האָב ציטירט האָט גאָט איינגעלאַדן אָדער געטשאַלענדזשט די גאַנצע מענשהייט בכלל און יעדן מענשן בפרט צו פאַרוועטן זיך מיט גאָט אין נביאות זאָגן, אַז מיר זאָלן זעהן ווער עס וועט געווינען. גאָט ערקלערט אַז ער איז דער איינציגער וועלכער קען באמת אַריינקוקן אין דער צוקונפט און פאָראויסזאָגן וואָס עס וועט געשעהן. דאָס האָט ער טאַקע געטון אין דער ביבל און אָפּפערט דאָס אַלס באַווייז פון זיין געטלעכקייט.

„איז עס ניט אַ פאַקט אַז קיין אַנדערער בוך אין דער וועלט מאַכט ניט אַזאַ טשאַלענדזש? ווייסט איר וועגן נאָך אַ בוך וואָס ענטהאַלט נביאות וואָס פּראָפּעצייען וואָס עס וועט געשעהן מיט הונדערטער אָדער אפילו מיט צענדליגער יאָרן שפּעטער? אויב איר ווייסט וועגן נאָך אַזאַ בוך, עס מאַכט ניט אויס אין וועלכער שפּראַך, ברענגט עס. גאָט זעלבסט טשאַלענדזשט אייך.

„פריידענקער און סקעפּטיקער האָבן געספּענט אַ סך מיה, צייט און געלט צו באַווייזן אַז די ביבל איז פאַלש. איצט וועל איך אייך זאָגן ווי אַזוי איר קענט צעשמעטערן די ביבל אויף שטיקלאַך אַז עס זאָל פון איר גאָרניט בלייבן: ערשטנס, באַווייזט אַז די נביאות פון דער ביבל זענען ניט דערפילט געוואָרן; צווייטנס, געפינט נאָך אַ בוך וואָס ענטהאַלט נבואות וואָס זענען ערפילט געוואָרן. גאָט פאַרזיכערט אַז קיינע פון די ביידע זאַכן וועלן אייך ניט געלינגען. וואָלט עס אימיצען יאָ געלינגען וואָלט עס געמאַכט אַ סוף צו דער ביבל אַלס גאָט'ס וואָרט. וואָרום האָבן עס „פריידענקער" ניט פאַרזוכט צו טון? וועט אימיצער פון דיזן פּובליקום וואַגן צו זאָגן אַז אַזאַ זאַך איז אימיצן געלינגען צו טון? וועט אימיצער פון אייך זיך אונטערנעמען טון אַזאַ זאַך?"

דוד בערגמאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט און געוואַרט אויף דעם ענטפער. דאָס פּובליקום איז אַביסל אומרוהיג געוואָרן. מר. שאַרפשטיין האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

„איצט ברענגט אונס אַרויס אָט די נבואות אייערע, און מ ר וועלן שוין זעהן וואָס מיר האָבן צו זאָגן וועגן זיי. איר האָט וועגן דיזע נבואות געמאַכט אַזעלכע אומגעהייערע קליימס, איז איצט ווילן מיר די באַווייזע."

„איך וועל עס טון מיט פאַרגעניגן," האָט מר. בערגמאַן געענטפערט.

קאַפּיטל 3

די פּראָבע הויבט זיך אָן

די אַפּלאָדיסמענטן וואָס האָבן באַגריסט מר. שאַרפּשטיין׳ס פּאָדערונג זענען געווען אַ סימן אַז די פאַרזאַמלטע זענען נייגעריג געווען צו הערן די באַווייזע. דוד בערגמאַן, מיט דער ביבל אין האַנד, איז צוגעגאַנגען צום פראָנט פון דער בימה און האָט פאָרטגעזעצט זיין ריידע:

„ווערנט צוויי טויזנט יאָר האָט זיך די שטאָט צר אַנטוויקלט און גע־וואַקסן ביז זי איז געוואָרן די הערשערין איבער דעם ים, אַזוי ווי בבל האָט געהערשט איבער דעם לאַנד. קאַרטהאַגאָ (אַמאָליגע גרויסע שטאָט אין נאָרד־אַפריקאַ) איז בלויז געווען אַ קאָלאָניע פון צר — די שטאָט צר וואָס איז געווען שעהן, רייך, קולטורנע, און וועלכער איז אימפּאָרטיורט געוואָרן דאָס פיינע גאָלד פון תרשיש, די דימענטן פון ארם, די פייער־דיגע פערד פון אַרמעניע, די שעהנע עלעפאַנטן־ביינער פון דמשק, די פיינע לייווענטן פון מצרים, די סטאַדעס פון אַראַביע, די פּערפיומען פון שבע, די קנעכט פון יון.

„בקיצור, צר איז געווען דאָס ניו יאָרק פון אַזיע. שיפן פון אַלע לענ־דער האָבן זיך געאַנקערט אין איר האַפן און זייערע פּאַסאַזשירן האָבן געהאַנדלט אויף אירע גאַסן.

„אַלס צר איז געווען אויפן סאַמע שפּיץ פון איר כבוד און גלאַנץ, ווען עס האָט אויסגעזעהן אַז זי וועט שטעהן אויף אייביג, איז געקומען דער אידישער נביא יחזקאל וועלכער האָט נביאות געזאָגט אַרום 590 פ. ק. ר. און האָט ערקלערט: „זיי וועלן צעשטערן די מויערן פון צר און זיי וועלן אַרונטערוואַרפן אירע טורעמס: איך וועל אויך אָפּשויבן איר שטויב פון איר, און וועל זי מאַכן (הויל) ווי דער שפּיץ פון אַ פעלז. עס וועט זיין אַן אָרט פאַר אויסשפּרייטן נעצן אין מיטן ים: ווייל איך האָב עס גערעדט זאָגט דער האַר גאָט: ... און זיי וועלן לעגן דיינע שטיינער און דיינע געהילץ און דיין שטויב אין מיטן וואַסער ... און איך וועל דיך מאַכן ווי דער שפּיץ פון אַ פעלז: דו וועסט זיין אַן אָרט פאַר אויסשפּרייטן נעצן; און וועסט מעהר ניט אויפגעבויט ווערן: ווייל איך גאָט האָב עס גערעדט.“ יחזקאל 26: 4־14.

„באַלד נאָכדעם ווי דיזע נביאות איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן, איז גע־קומען נבוכדנצר און האָט באַלאַגערט צר, און נאָך דרייצעהן יאָר קריג האָט ער די שטאָט איינגענומען און זי חורב געמאַכט און זיך שרעקליך נוקם געווען אויף די געביידעס און אויף דער באַפעלקערונג.“

פּלוצים האָט איינער פון פּובליקום זיך אויפגעשטעלט. ניט וואַרטנ־דיג אַז מר. בערגמאַן זאָל אים דערקענען און ניט אָנגעבנדיג זיין נאָמען האָט ער גענומען גיסן פּעך און שוועבל אויף דעם רעדנער און אויף דער ביבל. אַנדערע מענשן זענען אויפגעשטאַנען דאָ און דאָרט איבערן זאַל. געשרייען „זעצט זיך אַוועק,“ „וואַרפט אים אַרויס,“ „לאָזט אים רעדן,“

האָבן זיך געהערט איבער דעם מורמלען פון פּובליקום.

איינער פון די שטיצער פון דער פאַרזאַמלונג, האָט זיך אויפגעשטעלט, זיין פּנים אַזש ווייס פון צאָרן, און האָט מיט אַ הויכער שטימע פאַר־דאַמט דעם אונטערברעכער וועלכער איז נאָך אַלץ געשטאַנען און זיינע אויגן האָבן אויסגעדריקט פאַראַכטונג.

עס האָט אויסגעזעהן אַז אָט־אָט וועט ווערן אַ געטומל אין זאַל. מר. שאַרפּשטיין האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ צו ווייזן אַז ער איז זעהר אומ־צופרידן מיט דער גראָבער טאַקטיק פון אָט דעם אומגלויביגן חבר. דבורהלעס אויגן האָבן געפונקען פון אויפרעגונג אַלס זי האָט אָנגעכאַפּט איר ברודער׳ס האַנט. מרס. שאַרפּשטיין האָט אויסגעזעהן דערשראָקן.

ווען עס האָט אויסגעזעהן אַז דאָס פּובליקום וועט ווערן אויסער קאָנ־טראָל, האָט דוד בערגמאַן אויפגעהויבן זיין האַנט און גענומען רעדן מיט אַ רוהיגער, הויכער, קלאָרער שטימע. דאָס קריגעריי האָט אויפגעהערט און אַלע האָבן זיך צוגעהערט. דוד בערגמאַן האָט זיך געווענדעט צום שטיצער פון דער פאַרזאַמלונג און מענעדזשער פון דעם זאַל און האָט געזאָגט:

„מר. מאַרשאַל, פּליעז זעצט אייך אַוועק!" מר. מאַרשאַל האָט זיך גלייך אַוועקגעזעצט ווי אַ דערשראָקענער, איבערראַשט און אַנטוישט. „האָט איר פאַרגעסן אונזער אַגרימענט? איר געדענקט אַוואָדע אַז איך האָב מיט אייך געמאַכט אַ קאָנטראַקט אַז איך, און איך אַליין דאַרף ענט־פערן אַלע וואָס וועלן מיר איבעררייסן פון דעם פּלאַר. איך בין אַדווער־טייזט צו ריידן און איך גלויב אַז די פאַרזאַמלטע זענען געקומען הערן דעם וואָס איז אַדווערטייזט געוואָרן אַלס דער רעדנער." עס האָט זיך געהערט אַ צופרידענער מורמל צווישן פּובליקום. מר. בערגמאַן האָט זיך דאַן געווענדעט צום מאַן וועלכער האָט פאַראורזאַכט דאָס געטומל. ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין אַ קריגערישער פּאָזע. אַלע אַנדערע האָבן זיך אַוועקגעזעצט.

„איך וויל אַלע זאָלן וויסן אַז נאָר סקעפּטיקער און אַפּיקורסים מעגן דעם רעדנער אונטערברעכן ווערנט דיזער פאַרזאַמלונג. און זיי מעגן דאָס טון ווי אָפט זיי ווילט זיך. דאָס איז זייער גאַראַנטירטע רעכט. אונזער אַדווערטייזמענט וואָס זאָגט זיי צו דיזע רעכט איז ניט בלויז אַ שעהנע־זשעסט, נאָר אַן אויפריכטיגע איינלאַדונג צו אַלע ערנטלעכע סקעפּטיקער אַז זיי זאָלן אַהער קומען און פרעגן זייערע שאלות אויף אַן דזשענטל־מעניש, ערנסטן, אָפנהאַרציגן אויפן. אַלזאָ, מיסטער, פּליז ווידערהאָלט אייער פראַגע."

די שאַרפּשטיינס האָבן געקוקט איינער אויפן אַנדערן מיט צופרידע־נער איבעררעשונג. „וועל, דאָס איז עפּעס נייעס אין פאַרזאַמלונגען," האָט פאָטער געשושקעט צו זוהן. „דעם סקעפּטיקער ווערט ענדליך געגעבן דעם פאַרצוג ביי אַ מיטינג וואָס ווערט אָנגעפירט פון גלויביגע, אָבער לייי־דער ווייסן ניט אַלע ווי אָפּשאַצן אַזאַ ברייטהאַרציגקייט."

דאָס פּובליקום האָט אַפּלאָדירט מר. בערגמאַנס שטעלונג. זיי האָבן

איינגעזעהן אַז עס ניט גלאַט אַ שעהנער זשעסט, נאָר אַ וויכטיגער טייל פון לעקטשורער׳ס פּלאַן.

דער אונטערברעכער איז געשטאַנען ווי אַ צומישטער. ער האָט באַ־לאַנגט צו יענעם טיף פריידענקער וואָס האָבן ליב ריידן און אַרגומענ־טירן אויף די סטריט קאָרנערס. איצט אַז אַלץ איז רוהיג געוואָרן האָט ער פאַרלוירן זיין מוט.

„האָב ניט מורא, ספּיק אַפּ,“ האָט דער עולם אים אונטערגעהעצט, מערקנדיג זיין צומישטקייט. דער לעקטשורער האָט אים אויך שמייכלדיג ערמוטיגט, און געזאָגט: „האָט ניט מורא; קיינער וועט אייך מעהר ניט שטערן.“

„אַלץ וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן איז אַז איר קענט ניט באַווייזן אַז דידאָזיגע נביאות איז טאַקע געשריבן געוואָרן פאַר נבוכדנצר׳ס צייט. איר אַליין האָט צוגעגעבן אַז יחזקאל האָט געלעבט איינצייטיג מיט אָט דעם קעניג.“ און ער האָט זיך גלייך אַוועקגעזעצט. זיין סטייטמענט האָט ער איצט אויסגעדריקט אויף אַ העפלעכן אופן, כאָטש פריהער האָט ער דעם רעדנער באַליידיגט. די מעהרסטע פון פּובליקום האָבן אויסגעלאָזט אַ זיפץ פון דערלייכטערונג, אָבער עטלעכע האָבן זיך געפיהלט אַנטוישט ווייל זיי האָבן געהאָפט צו זעהן אַ „פאַיט.“

„אמת,“ האָט דוד בערגמאַן צוגעשטימט. „כאָטש איך פערזענליך גלויב אַז די נביאות איז געמאַכט געוואָרן איידער נבוכדנצר האָט באַלאַ־גערט די שטאָט צר, אָבער איך וועל זיך ניט בלויז באַציהען צו אָט דער באַלאַגערונג. כאָטש די נביאות הויבט זיך אָן מיט נבוכדנצר׳ס באַלאַגע-רונג, קוקט די פּראָפעצייאונג מעהר ווי צוויי טויזנט יאָר אין דער צוקונפט אַריין, ווי מיר וועלן באַלד זעהן.

„ווען נבוכדנצר האָט די שטאָט צר איינגענומען האָט ער זי איבער געלאָזן אין רואינעס. די נביאות זאָגט אָבער אַז די געהילץ און די שטיינער און אפילו דער שטויב וועט אַריינגעוואָרפן ווערן אין ים אַריין, אַזוי אַז עס וועט פון דער שטאָט בלייבן אַ הוילער פעלז פאַר שפּרייטן נעצן.

„דיזער טייל פון דער נביאות איז ניט דערפילט געוואָרן פון נבוכדנצרן, און עס האָט אויסגעזעהן כמעט ווי אוממעגליך אַז עס זאָל ווען עס איז ערפילט ווערן. ווער וועט זיך אינטערעסירן אין די רואינעס פון אַ חורב׳ער שטאָט און די רואינעס אַריינוואַרפן אין ים אַריין? עס וואָלט אויסגע־זעהן די ערגסטע משוגעת צו טון אַזאַ זאַך. אָבער דער נביא האָט עס פאָראויסגעזאָגט, און עס האָט געמוזט ערפילט ווערן.

„צוויי הונדערט און פופציג יאָר זענען אַריבער, און די רואינעס זענען נאָך אַלץ געליגן, אַזוי ווי דער נביאות אויף צלוחות. אָבער פּלוצים האָט דערגרייכט צום מזרח דער שם פון אַלקסנדר דעם גרויסן און אַלע הערצער האָט אָנגעכאַפּט אַ שרעק. בראש אַן אַרמעע האָט ער מאַרשירט צו אַטאַ־קירן די נייע שטאָט צר אין יאָר 332 פ. קר. צוקומענדיג צום ברעג האָט ער דערזעהן אַז די שטאָט וואָס ער איז געקומען איינצונעמען איז גאָר איצט געוועזן געבויט אויף אַן אינזעל אַ האַלבער מייל פון דעם ברעג. אַלקסנדר האָט געפורעמט זיין פּלאַן פון אַטאַקע און האָט עס גלייך



„זיי וועלן צעשטערן די ווענט פון צר און וועלן חורב מאַכן אירע טורעמס.“
יחזקאל 26: 4.

דורכגעפירט. ער האָט גענומען די ווענט, מויערן, געהילץ און די חורבע געביידעס און פּאַלאַצן פון אַמאָליגן צר און האָט דערפון געבויט אַ מאַ־טיוון שאָסיי צו דער אינזל־שטאָט. אַזוי פיל מאַטעריאַל האָט זיך גע־פּאָדערט אַז מען האָט ממש אָפּגעקראַצט דעם שטויב פון דעם אָרט און עס געלעגט אין ים אַריין.“

ווען מר. שאַרפשטיין האָט איינגעזעהן אַז דער אַנדערער סקעפּטיקער האָט געשוויגען, איז ער אויפגעשטאַנען צו ריידן.

„איך געב אפילו צו אַז די סטייטמענטס וואָס איר האָט געמאַכט וועגן צר זענען ריכטיג; נאָ איז וואָס? ווי אַזוי קענט איר באַווייזן אַז דיזע אַזוי־גענאַנטע נבואה איז געשריבן געוואָרן איידער אָט די פּאַסירונגען זענען געשעהן? עס זענען שוין אַריבער אַזוי פילע יאָרהונדערטער זייט דיזע פּאַסירונגען זענען געשעהן אַז אַ דריי־פיר הונדערט יאָר מאַכט ניט קיין גרויסן אונטערשייד. אייער אַרגומענט איז אַלזאָ ניט פּאָלקאָם איבער־ציינגנד, און לויט ווי איך דענק איז דער ספר יחזקאל אָנגעשריבן גע־וואָרן נאָך אַלקסנדר׳ס צייט.“

דער לעקטשורער בערגמאַן האָט שטייכלדיג געענטפערט: „דער פּאַקט אַז די נביאות און די פּאַסירונגען שטימען אַזוי אַקוראַט האָט אייך אפשר געמאַכט אַזוי צו דענקען.“

„און אפשר דער פאַקט אַז די היסטאָריע שטימט אַזוי מיט יחזקאלס נביאות האָט אייך געמאַכט דענקען אַז די נביאות איז פריהער אָנגע־

שריבן געוואָרן,״ האָט שאַרפּשטיין געענטפערט. „מיין השערה איז פּונקט אַזוי מעגליך ווי אייערע און וואַרשיינלעכער.״

„גוט שאַט, דעדי,״ האָט דבורהלע געשעפּטשעט אויף קול, און דאָס פּובליקום האָט געלאַכט.

„איך וויל אייך אויפמערקזאַם מאַכן אויף דריי אורזאַכן פאַרוואָס אייער סטייטמענט איז פאַלש, האָט מר. בערגמאַן געענטפערט. ערשטנס. די ,ענציקלאָפּעדיע בריטאַניקאַ,׳ פּערצנטע אויסגאַבע, באַנד 9, זייטן 13 און 14, אַרטיקל „יחזקאל,״ ערקלערט בפירוש אַז דער ספר יחזקאל איז אָנגעשריבן געוואָרן אין די יאָרן 586-054 פּ. קר. און דאָס איז דער העכסט־קריטישער שטאַנדפּונקט. לויט אפילו אָט דער סקעפּטישער צייט־רעכענונג איז די נבואה אָנגעשריבן געוואָרן אַן ערך הונדערט און צוועלף יאָר פאַר אַלקסנדר׳ס צייט.

„צווייטנס, ווען איר זאָגט אַז אין יחזקאל׳ס נאָמען ווערן פאָראויס־געזאָגט פּאַסירונגען וועלכע זענען אין דער אמתן אָנגעשריבן געוואָרן נאָך דעם ווי דידאָזיגע פּאַסירונגען זענען געשעהן, דאַן מאַכט איר פון הייליג־סטן מאָראַלישן ספר אַ ליגנערישן בוך פול מיט ליגנס פון נידריגסטן זאָרט.

„דריטנס, מר. שאַרפּשטיין, אפילו ווען איך זאָל צוגעבן אַז דיזע נבואות איז אָנגעשריבן געוואָרן ווען איר ווילט, לאָמיר זאָגן אין יאָר 330 פּ. קר. איר וועט דאָך ניט זאָגן אַז זי איז אָנגעשריבן געוואָרן נאָך שפּעטער.״ מר. שאַרפּשטיין האָט אַ ווינק געטון אַז ער איז מסכים.

איר פאַרגעסט אַז עס זענען פאַראַן נאָך אַנדערע איינצלהייטן אין דער נבואות חוץ דער פאַרניכטונג פון צר. אין איינציגע נבואות ווערט פּראָפע־צייעט אַז געוויסע שטעט וועלן חורב ווערן און דערנאָך אויפסניי גע־בויעט ווערן. אַזוי האָט למשל, פּאַסירט מיט ירושלים. וועגן דער אַלטער שטאָט צר זאָגט אָבער די נבואה אַז זי וועט מעהן קיינמאָל ניט אויפ־געבויעט ווערן. אָט דיזע געטלעכע גזירה איז אַן אייביגער טשאַלענדזש צו אַלע אומגלויביגע אויף דער וועלט. שוין צוויי טויזנט יאָר ווי גאָט טשאַלענדזשט אייך און יעדן אַנדערן סקעפּטיקער ווידער אויפבויען יענע שטאָט און אַזוי אַרום באַווייזן די פאַלשקייט פון דער ביבל, וואָס איז גאָט׳ס וואָרט.״

„איך האָב קיינמאָל אַזוינס ניט געהערט,״ האָט מר. שאַרפּשטיין קוים אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. מיינט איר דאָס ערנסט?״

„געוויס מיין איך דאָס ערנסט,״ האָט דוד בערגמאַן געענטפערט.

„איך וועל אייך איצט אַן עצה געבן ווי אַזוי צו באַווייזן די פאַלשקייט פון דער ביבל.״

קאַפּיטל 4

ווי אַזוי צו באַווייזן די פאַלשקייט פון דער ביבל

דוד בערגמאַנס סטייטמענט אַז ער וועט זאָגן אַפּיקורסים ווי אַזוי צו באַווייזן די פאַלשקייט פון דער ביבל האָט איבערראַשט אייניגע פון פּובליקום. אייניגע פרומע מענשן זענען משתומם געוואָרן און האָבן עס אויסגעדריקט אויף אַ קול. סקעפּטיקער זענען אויך געווען דערשטוינט.

מר. שאַרפּשטיין איז אויפגעשטאַנען צו ריידן: „מיינט עס אַז איר גיט צו אַז מע קען באַווייזן אַז די ביבל איז פאַלש?״

„פּאַרקערט! איך בין איבערצייגט אַז קיין טייל פון דער ביבל קען ניט באַווייזן ווערן אַלס פאַלש,״ האָט מר. בערגמאַן געשמייכלט.

„אָבער איר האָט נאָר וואָס ערקלערט אַז איר וועט אונס לערנען ווי אַזוי צו באַווייזן די פאַלשקייט פון דער ביבל,״ האָט זיך מר. שאַרפּשטיין איינגעשפּאַרט.

„איך וועל עס טאַקע טון.״

„אייערע סטייטמענטס ווידערשפּרעכן זיך, אָבער לאָמיר הערן וואָס איר האָט צו זאָגן.״

„גאָט זעלבסט טשאַלענדזשט אייך צו באַווייזן די פאַלשקייט פון זיינע נבואות, און זאָגט אייך אַפילו ווי אַזוי איר קענט עס טון. די שטאָט צר איז אַ שטענדיגער טשאַלענדזש צו יעדן אַפּיקורס. די נבואה זאָגט: „דו (צר) וועסט קיינמאָל מעהר ניט געבויעט ווערן, ווייל איך גאָט האָב עס גערעדט״. יחזקאל 26: 14. וואָרום די אַלטע שטאָט קען ניט מעהר אויפגעבויעט ווערן ווערט דאָ דייטליך געזאָגט: „ווייל איך גאָט האָב עס גערעדט!״ גאָט טשאַלענדזשט אַלע באַרימעוודיגע אַפּיקורסים זיי זאָלן ווידער אויפבויען אָט די שטאָט. ווען דאָס זאָל געשעהן וואָלט עס באַוויזן אַז די ביבל איז פאַלש.

„אויפבויען אַ חורבע איז ניט עפּעס אַן אוממעגלעכע זאַך. פילע שטעט פון אַמאָל זענען ווידער אויפגעבויעט געוואָרן; אַפילו די שטאָט רוים איז אויף דאָס ניי אויפגעבויעט געוואָרן נאָך דעם ווי נעראָן האָט זי פאַרברענט כדי דערפון צו שעפּן באַגייסטערונג פאַר פּאָעזי.

„אַז אַ שטאָט קען אויפגעבויעט ווערן אין אַ גאַנץ קורצער צייט פון עטלעכע אַנטשלאָסענע מענשן, דאָס איז אַנומלט באַוויזן געוואָרן ווען אַ זומפּ איז פון איין מאַן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאָדערנער שטאָט אין לאָנגוויאו, וואַשינגטאָן, אין צוויי יאָר צייט. איך האָב די שטאָט פערזענליך באַזוכט און איך בין ערשטוינט געוואָרן פון דעם בילד.

„איין דאָלאַר פון יעדן פריידענקער און אַטעאיסט אין ענגלאַנד און אַמעריקאַ וואָלט געווען איבערגענוג ווידער אויפצובויען די אַלטע שטאָט צר, און אַזוי אַרום אויף אייביג פעסטשטעלן אַז די ביבל זאָגט ליגן.

וואָלט ניט כדאי געווען אָרגאַניזירן אַ קאָלאָניע פון פריידענקער אויף דעם אָרט ווי די אַלטע שטאָט צר פלעגט זיין, און גרינדן אַ מאָדערנע פי־שעריי־געשעפט אויף להכעיס אָט דער נבואה וואָס זאָגט אַז די שטאָט צר' וועט קיינמאָל מעהר ניט אויפגעבויעט ווערן, „ווייל איך גאָט האָב עס גערעדט?"

„דער פּלאַץ איז באַוואוינהאַפטיג; ווייל צעהן מיליאָן גאַלאָנען וואַסער שפּריצען טעגליך אַרויס פון די קוואַלן, און פּראָדוקטיווע פעלדער ציהען זיך אַוש ביז צו די ווייטע בערג.

„ווייסנדיג אַז עס זענען פאַראַן מיליאָנען אַנטשלאָסענע צווייפלער און אַפּיקורסים וועלכע שרייבן אָהן אַ צאָל ביכער קעגן דער ביבל, — טאָ ווי אזוי האָט דער נביא געוואַגט צו מאַכן אַזאַ דרייסטע פּראָפעציייונג? שוין צוויי טויזנט יאָר ווי קיין איינציגער סקעפּטיקער האָט ניט געוואַגט צו זאָגן אַז דיזע נבואה איז פאַלש. פאַרקערט דער פּראַצוויזישער סקעפּ־טיקער, וואָלנעי, וועלכער האָט באַזוכט יענעם פּלאַץ האָט געזעהן ווי פישערלייט האָבן געטרוקנט זייערע נעצן אויף יענע פעלזן, פּונקט ווי דער־נביא האָט פאָראויס געזאָגט. (טרעוועלס, וואָל. 2, זייטע 212). יעדעס יאָר, יעדער טאָג, יעדע מינוט וואָס צר בלייבט וויסט איז עס אַ באַווייז אַז די ביבלישע נבואה איז פּינקטליך דערפילט געוואָרן, און אַז די נבואה איז אָנגעשריבן געוואָרן איידער די דערפילונגען זענען פאָרגעקומען.

„וועט איר אפשר זאָגן: דער נביא האָט צופעליג געטראָפן. אָבער דאָס איז ניט קיין צופרידנשטעלנדע ערקלערונג, ווייל קיין מענש אויסער דער ביבל האָט קיינמאָל ניט געמאַכט אַ נבואה וועגן אַ שטאָט הונדערטער יאָרן אין פאָראויס, און זאָל האָבן ערפילט געוואָרן. ווי קומט עס אַז בלויז די ביבל־נביאים קענען „טרעפן" מיט אַזאַ פאָלקאָמענער פּינקטליכקייט וועגן זאַכן וואָס האָבן געשעהן צוויי טויזנט יאָר שפּעטער?"

מר. שאַרפשטיין איז אויפגעשטאַנען צו ענטפערן: „עס איז גאַנץ נאַ־טירליך פאַר אַ שרייבער, קוקנדיג אויף אַ חורב'ער שטאָט, צו דענקען, און דערפאַר נביאות זאָגן, אַז זי וועט קיינמאָל ניט מעהר אויפגעבויעט ווערן."

„אַזאַ מין השערה," האָט מר. בערגמאַן געענטפערט, „וואָלט פאַרן נביא געשאַפן גרויסע שוועריגקייטן. למשל, דערזעלביגער נביא יחזקאל האָט ניט ווייט פון צר געזעהן אַ פיל עלטערע שטאָט, בלויס דרייסיג מייל פון צר. יאָרהונדערטער, איז דיזע שטאָט (צידון) אַלץ קלענער און קלע־נער געוואָרן, ווערנט צר איז נאָך אַלץ געווען אויפן שפּיץ פון איר גרויס־קייט. אפילו ווען מיר זאָלן אָננעמען אייער צייטרעכענונג (אַז ספר יחזקאל איז אָנגעשריבן געוואָרן ערשט אין יאָר 332 פ. קר.) זענען מיר אַלץ גע־רעכט, ווייל ווען צידון איז נאָך געווען קליין און אומוויכטיג האָט זי דער פערסישער קעניג אחשורוש אָכום איינגענומען אין יאָר 351 פ. קר. און זי צעשטערט!

„לויט אייער מיינונג, מר. שאַרפשטיין, איז דער ספר יחזקאל אָנגע־שריבן געוואָרן נאָך שפּעטער, ווייניגסטנס נאָך אַלקסנדר'ס צייט. אַלזאָ אויב דער נביא יחזקאל האָט געלעבט צו יענער צייט, לויט ווי איר

גלויבט, דאן וואלט ער לויט אייער לאגיק נביאות גע.אגט אז צידון וועט קיינמאל ניט מעהר אויפגעבויעט ווערן, ווייל אזוי האט עס או.סגעזעהן. אבער צידון עקזיסטירט נאך ביזן היינטיגן טאג און פארמאגט א באפעלקערונג פון א צעהן טויזנט. הערט וואס דער נביא יחזקאל האט געזאגט (קאפיטל 28, פפ. 20-23.)

„דאס וואָרט פון גאט איז צו מיר געקומען, זאגנדיג, בן אדם, שטעל דיין געזיכט איז דער ריכטונג פון צידון און זאג נביאות קעגן איר און זאג: איך בין געגען דיר, א צידון ... ווייל איך וועל שיקן מגיפה אין איר און בלוט אין אירע גאסן; און די פארוואונדעטע וועלן פאלן אין איר מיטן, און די שווערט וועט אויף איר זיין אויף אלע זייטן.“

מערקט, דער נביא זאגט ניט אז צידון וועט אויף אייביג פארניכט ווערן אזוי ווי צר, נאר בקויז או בלוט וועט זיין אין אירע גאסן, פארוואונדעטע אין איר מיטן, און די שווערט אויף אלע זייטן. און כאטש קיין אנדערע שטאט, חוץ אפשר ירושלים, האט ניט אזוי פיל געליטן און איז אזוי פיל מאל חורב געוואָרן, שטעהט נאך צידון ביז היינטיגען טאג.

„ווען יחזקאל וואלט ניט געווען קיין נביא און וואלט בלויז „געטראפן“ וואלט ער געזאגט אזביידע, סיי צר און סיי צידון וועלן חורב ווערן און וועלן ביידע קיינמאל ניט מעהר אויפגעבויעט ווערן.

דאן וואלט מען געזעהן אז ער איז א פאלשער נביא, ווייל יעדער פון די צעהן טויזנט מאדערנע איינוואוינער פון צידון וואלט געווען א לעבעדיגער באווייז אז דער נביא האט פאלש נביאות געזאגט.

„שטעלט אייך אויך פאר אז ווען דער נביא וואלט פראפעצייעט אז צר וועט איבערבלייבן, נאר וועט זעהר פיל אויסלייזן, ווערנט צידון וועט חורב ווערן און קיינמאל ניט מעהר אויפגעבויעט ווערן! ווי וואלטן דאן די סקעפטיקער צו שפאט געמאכט דעם נביא מיט דער ביבל! און זיי וואלטן געהאט רעכט.

„ווי קומט עס אבער אז יחזקאל האט ריכטיג געזאגט אי וועגן צר אי וועגן צידון? ווי קומט עס אז די שטאט וועגן וועלכער דער נביא האט געזאגט אז זי וועט ניט מעהר אויפגעבויעט ווערן איז טאקע קיינמאל ניט מעהר אויפגעבויעט געוואָרן, און אז די שטאט וועגן וועלכער דער נביא האט פראפעצייעט אז וועט עקזיסטירן אזוי לאנג ווי די וועלט וועט שטעהן, עקזיסטירט טאקע?

„איצט אז איך האב דאס קלאר געמאכט, בלייבט נאך א שווערערע פראגע צום ענטפערן. צידון, פונקט ווי פילע אנדערע אלטע שטעט, האט געקענט ווערן אזא נישטיגע און שוצלאזע שטאט אז זי זאל ניט קענען קעמפן אפילו קעגן א שוואכן שונא, און קיינער וואלט ניט געהאט קיין אינטערעס אין איר אלס סטראטעגישער פונקט. פון וואנען אבער האט יחזקאל געוואוסט אז טראָץ די פילע שרעקלעכע ערפארונגען וועט צידון דאך בלייבן א וויכטיגער סטראטעגישער אָרט איבער וועלכן מע וועט פיל בלוט פארגיסן, און אז די שטאט וועט איבערגעהן פון איין באזיגער צו אן אנדערן?“

מר. שארפשטיין האט געענטפערט: „די צוויי שטעט זענען געווען בא־

דימט און מעכטיג, אָבער אין דער צייט ווען די נבואות זענען געמאַכט געוואָרן זענען אפשר געווען סמנים פון וואָס פאַר אַ שיקזאַל עס וועט זיי ביידע טרעפן. די נבואות און די דערפילונגען זענען צופעליגערווייז גאַנץ אַקוראַט; אָבער איר טאָרט ניט דרינגען פון אָט די פּאָר באווייזע אַז די גאַנצע ביבל איז אָהן אַ פעהלער."

„געוויס ניט, און איך טו דאָס ניט," האָט זיך אָפּגערופן מר. בערגמאַן. אַ נבואה וואָס זאָל קענען אויסשטעהן יעדע פּראָבע וואָס איר ווילט מאַכן קען מען זעהר לייכט געפינען אין דער ביבל. איר זאָגט אַז אַ ן די שטעט צר און צידון האָט דער נביא געקענט זעהן סמנים פון זייער שיקזאַל. מיר וועלן דערפאַר אויסקלייבן אַ שטאָט וועגן וועלכער מע וואָלט דאָס בשום אופן ניט געקענט זאָגן.

„פון אַ טוץ אַזעלכע נבואות וועלן מיר באַטראַכטן די נבואה וועגן אשקלון, אַ שטאָט וואָס איז געווען ניט ווייניגער באַרימט ווי דיזע צוויי וואָס מיר האָבן נאָר וואָס באַטראַכט. אשקלון וועט זיין „אַ פאַרוויסטונג" (צפניה 2: 4); „אשקלון וועט ניט באַוואוינט ווערן." זכריה 9: 5.

„דיזע שטאָט איז געגרינדעט געוואָרן אַרום 1800 יאָר פאַר קריסטוס, און ווערנט קריסטוס' צייט איז זי געווען אין דער העכסטער שטופע פון איר מאַכט. איר קענט דערפאַר ניט זאָגן אַז ווען די נבואה איז געמאַכט געוואָרן וועגן אָט דער שטאָט האָט דער נביא געזעהן סמנים פון איר שיקזאַל. וואו איז היינט אשקלון?

„ערלויבט מיר ציטירן פון דער 14טער אויסגאַבע, ענציקלאָפּעדיע בריטאַניקאַ, באַנד 2, זייטע 544: „איצט איז עס אַ וויסטער אָרט ביים ברעג ים צוועלף מייל צפון פון עזה... אויס דעם זאַמדיגן באָדן שטאַרצן אַרויס צעבראָכענע זיילן און רעשטן פון חורב'ע געביידעס און צעבראָכענע ווענט, און אַלע זענען זיי שטומע עדות וועגן אַמאָליגן גלאַנץ... דאָס לאַנד אַרום איז פּרוכטבאַר. וויינגערטנער און אַליוו-ביימער און אַנדערע פּרוכט-ביימער בליהען."

„מערקט אַז דיזע באַרימטע ענציקלאָפּעדיע מאָלט דעם איצטיגען אשקלון מיט דעם זעלבינן אויסדרוק ווי דער נביא — וויסט. דער נביא האָט פאָראויסגעזעהן מיט צוויי טויזנט פינף הונדערט יאָר צוריק דאָס וואָס דער היסטאָריקער זעהט היינט, און ביידע געברויכן זיי דאָס זעלביגע וואָרט „וויסט" צו באַשרייבן דעם שיקזאַל פון דער שטאָט. מיר ציטירן ווייטער פון דער ענציקלאָפּעדיע:

„אשקלון איז געווען די געבורטסשטאָט פון הורדוס הגדול וועלכער האָט די שטאָט באַצירט מיט שעהנע געביידעס. ווערנט דעם רוימישן פּעריאָד איז די שטאָט געווען באַריהמט מיט איר גריכישער קולטור. עס איז אויך געווען דער צענטער פון בישאָף-דיסטריקט זייט דעם יאָר 104 פ. קר. ווערנט פיר און אַ האַלב יאָרהונדערטער איז אשקלון געווען אַ פרייע שטאָט פון דער רוימישער אימפּעריע."

„פון וואָס פאַר אַ צייט איר זאָלט אַלזאָ ניט רעכענען די נבואות איז זיכער אַז די שטאָט האָט געוואַקסן אין מאַכט הונדערטער יאָרן נאָך דעם ווי די נבואה איז געמאַכט געוואָרן.

„אין יאָר 636 נאָך קר.. איז די שטאָט איבערגעגאַנגען צו די אַראַבער. ווערנט די קרייץ־צוגן איז זי געווען דער שליסל צו סויט־וועסט פּאַלעסטינע. באַלדווין דער 3טער האָט זי איינגענומען אין יאָר 1153 נאָך זעקס מאָנאַטן באַלאַגערונג. זי איז נאָך אַלץ געווען אַ מעכטיגע שטאָט פופצן הונדערט יאָר נאָך דעם ווי די נבואה האָט פּראָפּעצייעט איר חורבן. די נעקסטע הונדערט יאָר איז איר געשיכטע געווען אַ גאָר בלוטיגע. לסוף, אין יאָר 1270 האָט סולטאַן בייבאַרס חורב געמאַכט אירע פעסטונגען און פאַרשטאָפּט איר האַפן מיט שטיינער. דאָס הייסט אַז ווערנט זעקס הונדערט זיבעציג יאָר זענען די הויכע מויערן פון אשקלון געליגן צעשמעטערטע אויף דער ערד, און אין אירע חורבעס וואוינט ניט אפילו אַן איין און איינציגער מענש.

„וואָס וואָלטן געזאָגט די אַפּיקורסים ווען אשקלון וואָלט נאָך היינט געווען באַוואוינט ווי צידון, אָדער ווען דער נביא וואָלט די נביאות קאַפּויר געמאַכט! זיי וואָלטן פון אַזעלכע מיסטייקס געמאַכט אַ גרויס וועזן, און ווען עס וואָלט טאַקע אַזוי געווען וואָלטן זיי רעכט געהאַט. זאָלן זיי אויספּרובירן, זאָלן זיי אויספאָרשן, די ביבל האָט ניט מורא דערפאַר. די ביבל זאָגט: „איר זאָלט ניט פאַראַכטן נבואה, נאָר איר זאָלט זיי אַלע אויספּרובירן.“ אַ טעסאַלוניקער 5: 20, 21.

„איר, פריידענקער, זאָלט ניט שפּאָטן אָדער פאַראַכטן, נאָר אויספּרובירן. דאָ האָט איר דריי שטעט. דער נביא האָט פּינקטליך פאָראויסגעזאָגט זייער היינטיגן צושטאַנד. ווי איר זאָלט עס ניט פּרובירן ערקלערן, בלייבט דאָך דער פאַקט אַז דיזע נביאות זענען אמתע.“

„מר. שאַרפשטיין האָט ווידער גענומען דאָס וואָרט: „איר האָט אויסגעקליבן דריי שטעט. אויב גאָט איז טאַקע דער אָוטאָר פון דיזע נבואות דאַרף ער נביאות זאָגן ניט נאָר וועגן שטעט, נאָר וועגן גאַנצע לענדער, און דיזע נבואות זאָלן געמאַכט ווערן אין אַ צייט ווען עס וואָלט אויסגעזעהן אוממעגליך זיי זאָלן דערפילט ווערן, און די נבואות זאָלן גרייכן ביז אונזער צייט.“

„אייערע קאָנדיציעס זענען גאַנץ מעסיגע. פון די עטלעכע לענדער וואָס פאַסן צו אייערע קאָנדיציעס וועלן מיר אויסקלייבן די עלטסטע מדינה אין דער וועלט — מצרים.“

קאַפּיטל 5

מצרים ברענגט אפּיקורסים אין אַ פאַרלעגנהייט

„איר האָט אַלע צוגעגעבן, האָט דוד בערגמאַן פאָרטגעזעצט אַלס מר. שאַרפשטיין האָט זיך אוועקגעזעצט,“ אַז צר, צידון און אשקלון געפינען זיך היינט אין דעם צושטאַנד וואָס די ביבל נביאים האָבן פּראָפעצייעט וועגן זיי. איר זייט אָבער דערוויילּ ניט איינפאַרשטאַנען אָדער אַ בער־צייגט אַז אַזאַ נביאות זאָגן איז אַ געטלעכע זאַך.

„דאָך מוזט איר צוגעבן אַז ווערנט מיר ווייסן וועגן נעכטן און וועגן היינט, וועגן מאָרגן ווייסט דער מענש גאָרניט. דער מענש קען טרוימען וועגן דער צוקונפט האָפן, מורא האָבן, ספּעקולירן וועגן מאָרגן, אָבער די מענשלעכע חכמה אַליין האָט קיינמאָל ניט געקענט דורכדרינגען דעם דיזע לעקטשורס אַז אפילו די קלוגסטע שטאַטסמענער ווייסן פּאָזיטיוו גאָרניט וואָס די צוקונפט ענטהאַלט.

„די מענשלעכע געשיכטע קען אַמאָל אָנגעהן אַזוי רוהיג און גלאַט ווערנט אַ טויזנט יאָר אָדער מעהר, ביז אפילו שאַרפזיניגע דענקער קו־מען צום באַשלוס אַז דור דורות וועט ניט פּאַרקומען קיין ענדערונג. פּלוצים, אָבער קומט אויף אימיצער ווי, למשל, מאַכמעט אָדער לוטער און ענדערן דעם גאַנג פון דער היסטאָריע; אָדער ווי וואַטט, אָדער עדי־סאָן אָדער די ברידער ראַיט (פּ״אָנערן פון עראָפּלאַן) וועלכע האָבן אומגע־הייער באַאיינפלוסט די ציוויליזאַציע.

„די נבואות וועלכע איך האָב שוין ציטירט זענען קלאָר, פּינקטליך און אמת אפילו ביז די קלייננסטע איינצלהייטן; אָבער מיר האָבן קוים אָנגע־פאַנגען אָנרירן די אומגעהייערע אוצרות פון נביאות.

„ווען ישעיה, ירמיהו און יחזקאל האָבן געלעבט, איז שוין מצרים גע־ווען אַזוי אַלט אַז אירע קעניגלעכע דינאַסטיע איז געווען די לענגסטע פון אַלע אַנדערע לענדער. צו יחזקאלן איז מצרים געווען אַזוי אַלט ווי די אַנשטייאונג פון קריסטנטום איז צו אונס.

„אין יחזקאל׳ס צייט, 600 פאַר קר. איז מצרים געווען באַרימט מיט איר אומגעהייער גרויסען תבואה עקספּאָרט, מיט איר וויסנשאַפט, קונסט, לוקסוס און פּראַכט, זי איז געווען בראש דער ציוויליזאַציע. פילע יאָר־הונדערטער זענען אירע באַרימטע פּיראַמידן געשטאַנען ווי שטאָלצע וועכטער פון אַ שטאָלצער מדינה.

„מצרים זעלבסט, אַזוי ווי די פּיראַמידן, האָט אויסגעזעהן אַז זי וועט עקזיסטירן אויף אייביג. אַלע פעלקער האָבן געשעפּט פון איר קוואַל פון וויסנשאַפט. זי איז געווען שטאָלץ און רוהיג אין דער באַוואוסטזיניגקייט פון איר מאַכט, און פון איר שטאַנדהאַפטיגקייט. ניט אפילו דער קלוגס־

טער וויסנשאפטסמאן אדער פילאזאף וואלט ניט פאראויסגעזעהן אז עפעס וואלט געקענט שטערן דעם פרידן און די מעכטיגקייט פון מצרים.

„און גראד אין אזא צייט ווען אלע אנדערע וואלטן פאר מצרים נביאות געזאגט כמעט אייביגע הצלחה, האבן ישעיה (קאפיטל 19) און יחזקאל (קאפיטל 29 און 30) פראפעצייעט ערשטוינענדיגע פאסירונגען וועגן איר, פאסירונגען וואס זאלן גרייכן אזש ביז צוויי טויזנט יאר נאך זייער טויט!

„ווען איר קומט אהיים לעזט אויפמערקזאם דיזע קאפיטלאך, ווייל יעדער פסוק איז העכסט באדייטונגספול. איך וועל דא בלויז ציטירן איי־ניגע פון די וויכטיגסטע סטייטמענטס. אין עטליכע ווערטער האט יחזקאל פאראויסגעזאגט אזוי פיל געשיכטע אז עס האט גענומען צוויי טויזנט פינף הונדערט יאר ערפילט ווערן, און עס וואלט געפאדערט עטלעכע ביכער אויספירליך צו באשרייבן. איך ציטיר יחזקאל 29: 14, 15; 30: 6, 7; 32: 15; 30: 12, 13.

„זיי וועלן דארט זיין א נידריגע מלוכה. די נידריגסטע פון די מלוכות וועט זי זיין, און זי וועט זיך ניט מעהר דערהויבן איבער די פעלקער; ווייל איך וועל זי פארמינערן אז זי זאל ניט מעהר געוועלטיגן איבער די פעלקער." „און נידערן וועט איר שטאלצע מאכט . . . און זיי וועלן פאר־וויסט זיין צווישן פארוויסטע לענדער, און זיינע שטעט וועלן זיין צווישן הורבע שטעט." „איך מאך דאס לאנד מצרים א וויסט און וויסטעניש און איר אמאליגע רייכקייט וועט פארשווינדן." „איך וועל דאס לאנד פאר־קויפן צו די הענד פון די רשעים; און וועל דאס לאנד וויסט מאכן און אלץ דארין, דורך דער האנד פון פרעמדע . . . און קיין פירשט וועט ניט מעהר זיין פון לאנד מצרים."

„יעדע פראזע וואס איך האב ציטירט איז באדייטונגספול. די גזירה וואס גאט האט באשטימט איבער אדום, אשור און בבל איז געווען פאלקא־מענע פארניכטונג; אבער דער שיקזאל פון מצרים איז אנדערש. די אומ־פארמיידלעכע גזירה איבער מצרים איז אז זי וועט זיין נידעריג, גע־מיין און אומוויכטיג. זי וועט איבערבלייבן אלס נאציאן, אבער זי וועט ניט מעהר הערשן. פארקערט, אכזריות'דיגע גרים וועלן איבער איר הערשן.

„באטראכט דעם צושטאנד פון מצרים זעקס הונדערט יאר נאך דעם ווי דיזע נבואה איז געמאכט געווארן און איר וועט זיך איבערצייגן אז דיזע נבואה שטאמט פון א העכערן קוואל ווי דער מענש. אין ישו הנוצרי'ם צייט האט נאך אלץ ניט אויסגעזעהן אז מצרים וועט אמאל דערנידריגט ווערן. זי איז נאך אלץ געווען א מעכטיגע מלוכה.

„צעזאר אוגוסטוס, נאך זיין נצחון איבער אנטאני, האט אין מצרים געטראפן אזוי פיל עשירות אז ער האט דערפון אפגעצאלט אלע חובות פון זיין ארמעע וואס האבן זיך אנגעזאמלט פון דער מלחמה. אפילו נאך דעם ווי ער האט מצרים בארויבט, האט דאס לאנד ביי אים נאך אלץ אויסגעזעהן אזוי מעכטיג אז ער האט מורא געהאט צו באשטימען אלס איר הערשער א מענשן פון גרויסן איינפלוס און מאכט, וואס זאל קענען ווערן זיין קאנקורענט. דערפאר האט ער אנגעשטעלט אלס הערשער קאר־



A. GADDIS AND G. SEIF, PHOTO, LUXOR

די רואינעס פון אמאָליגן מצרים זענען אַ קלאָרע אָנדייטונג אויף איר
אמאָליגער גרויסקייט און פּראַכט.

נעליוס גאללוס, פון זעהר נידריגן אָפּשטאם. ער האָט דער שטאָט אלעקסאנדריע ניט ערלויבט האָבן איר אייגענעם שטאָט־ראט, און האָט ערקלערט אז קיין עגיפּטער איז ניט פעהיג צו ווערן א מיטגליד פון רוימישן סענאָט.

„און ווערנט די פאָלגנדע זעקס הונדערט יאָר איז אלעקסאנדריע נאָך אלץ געוועזן די ערשטע שטאָט אין דער רוימישער אימפּעריע אין קולטור, קאָמערץ און רייכטום, דער סקעפּטיקער פון יענער צייט וואָלט געקענט לעזן יחזקאל׳ס נבואה מיט געלעכטער און שפּאָט און וואָלט סארקאסטיש ערקלערט אז די פּראָפעצייאונג איז ניט דערפילט געוואָרן. אמת, א טייל פון דער נבואה איז דערפילט געוואָרן, אָבער די פארוויסטונג און דערנידערונג פון מצרים האָט אויסגעזעהן צו זיין פונקט אזוי אוממעגליך ווי מיט צוועלף הונדערט יאָר צוריק ווען די נבואה איז געמאכט געוואָרן.

„מיט א הונדערט יאָר שפּעטער איז מצרים נאָך אלץ געוועזן אזוי מעכטיג אז די מאכמעדאנישע ארמעעס, שטאָלץ פון גובר זיין אנדערע פעלקער, האָבן ניט געוואגט זי אטאקירן. ווען ראָמולוס און רעמוס האָבן געגרינדעט רוים, איז שוין מצרים אלט געוועזן צוויי טויזנט יאָר. רוים איז אלץ מעכטיגער געוואָרן און האָט גובר געוועזן די גאנצע וועלט, מצרים אריינגערייכנט, אָבער רוים זעלבסט איז דערנאָך באזיגט און צעטיילט געוועזן שטארק, רייך און באפעלקערט. לסוף האָבן די אראבער באשלאָסן זי אטאקירן. די היסטאָרישע באלאגערונג פון אלעקסאנדריע האָט געדויערט פערצן מאָנאטן, און בשעת מעשה האָבן די אראבער פארלוירן דריי און צוואנציג טויזנט סאָלדאטן. אפילו דאן איז אלעקסאנדריע געפאלן פון אינערלעכן פאררעט. ווען די זיגער האָבן דערזעהן די פּראכט און דאָס רייכטום פון דער שטאָט האָבן זיי זיך ניט געקענט אָפּוואונדערן דערפון.

„ווען א שרפה האָט פארברענט די בארימטע ביבליאָטעקע פון אלעקסאנדריע איז דאָס געוועזן א וועלט־פארלוסט. דער חורבן האָט די אראבער באזאָרגט מיט ברען־מאטעריאל פאר זעקס מאָנאטן. דאָס רייכטום פון אלעקסאנדריע איז געוועזן א סימן פון דער עשירות און מאכט פון דער גאנצער עגיפּטישער נאציאָן. כאָטש די אראבער זענען געוועזן ערפארענע קריגס־העלדן, וואָלטן זיי אָבער ניט געקענט באזיגן און באהערשן דאָס לאנד, ווען דאָס פאָלק וואָס האָט געשמאכט אונטער דעם גרויזאמען יאָך פון זייערע גריכישע הערשער וואָלט זיך ניט אליין פרייוויליג אונטערגעגעבן צו די אָנגרייפער.

„כאָטש די נבואה האָט גענומען א לאנגע צייט דערפילט צו ווערן, איז די דערפילונג דאָך געוועזן פאָלקאָם. די מינערונג פון מצרים איז געשעהן לאנגזאם אָבער אָהן אויפהער. לאָמיר לעזן וואָס די אומגלויביגע וואָלנעי (רייזנדער) און גיבאָנס (היסטאָריקער)“ זאָגן וועגן דעם.

„אָט דאָס איז דער צושטאנד פון מצרים,“ זאָגט וואָלנעי אין זיין בוך „רייזעס“, באנד 1, זייטן 74, 103, 110, 193. „נאָך דעם ווי מצרים האָט מיט צוויי טויזנט דריי הונדערט יאָר צוריק פארלוירן אירע נאטירלעכע איינגנטימער, האָט זי צוגעזעהן ווי אירע פרוכטבארע פעלדער זענען נאָכ־

אַנאַנד געפּלינדערט געוואָרן פון די פּערסיער, מאַצעדאָניער, רוימער, גרעקן, אַראַבער, געאָרגיער, און דערנאָך די טאָטערשע ראַסע וואָס הייסן האָסמאַנישע טערקן. די מאַמעלוקן, וואָס זענען געקויפט געוואָרן אַלס שקלאַפן און זענען דערנאָך געוואָרן סאָלדאַטן, האָבן שנעל געקראָגן די אויבערמאַכט און האָבן אויסגעקליבן זייער פירער.

„אויב דער אָנהויב פון זייער הערשאַפט איז מערקווירדיג, איז ניט ווייניגער מערקווירדיג זייער אָנהאַלטן אָט די הערשאַפט. זיי ברענגען אַריבער שקלאַפן פון זייער אַמאָליגער היימלאַנד. זייער סיסטעם פון אונטערדריקונג איז פלאַנמעסיג. אַלץ וואָס דער רייזנדער זעהט אָדער הערט דערמאָנט אים אַז ער געפינט זיך אין דעם לאַנד פון שקלאַפעריי און טיראַניי.“,

און גיבאָן זאָגט אונס אַז „עס איז ניטאָ קיין אומגערעכטערע און נאַרישערע קאָנסטיטוציע ווי דיזע (עגיפּטישע) וועלכע פאַראורטיילט די געבירטיגע פון אַ לאַנד צו אייביגער קנעכטשאַפט, אונטער דער טיראַנישער הערשאַפט פון גרים און שקלאַפן. אַזאַ צושטאַנד האָט געהערשט אין מצרים איבער פינף הונדערט יאָר . . .“ פון בוך „די מינערונג און אונטערגאַנג פון דער רוימישער אימפּעריע,“ קאַפּיטל 59.

„אַזוי זאָגן עדות גאָטלאָזע היסטאָריקער אַז מצרים איז ביסלאַכווייז שוואַכער און שוואַכער געוואָרן און אַז ווערנט די לעצטע פינף הונדערט יאָר איז זי געוואָרן פונקט ווי דער נביא האָט געזאָגט, — ‚די נידריגסטע פון די קעניגרייכן,‘ —— רעגירט „דורך דער האַנד פון פרעמדע.“

„מערקט אָבער אַז ערשט אין די מאָדערנע צייטן האָט מען דיזע דערפילונג גרינטליך געקענט מערקן. וואָס מעהר פאַקטן מיר פאַרמאָגן כדי אויסצופראָבירן דיזע נביאות, אַלץ פאָלקאָמענער זעהט אויס די דערפילונג. ווערט דאָ אימיצער פון פובליקום אָפּלייקענען אַז דער צושטאַנד פון מצרים איז היינט גראָד אַזוי ווי יחזקאָל שילדערט עס? איר ווערט נאַטירליך צוגעבן אַז יחזקאל האָט רעכט געהאַט, אָבער פון וואַנען האָט יחזקאל געקראָגן אָט די פעהיגקייט פאָראויסצוזעהן די צוקונפט?

מר. שאַרפשטיין איז ווידעראַמאָל אויפגעשטאַנען: „ער, יחזקאל, האָט אַוואַדע געמערקט אַז מיט דער צייט ווערן מלוכות באַזיגט און ווערן די קנעכט פון זייערע באַזיגער. ער האָט אַוואַדע צוגעזעהן ווי בבל און אשור און קליינערע מלוכות זענען איבערגעגאַנגען צו אַנדערע הענד. כאָטש מצרים איז געווען אַלט און נאָך אַלץ גרויס און מעכטיג, האָט דער נביא לאָגיש געדרינגען אַז זי ווערט מיט דער צייט אויך ליידן דעם זעלביגן שיקזאַל ווי אַנדערע.“

„אָבער מר. שאַרפשטיין, איר פאַרקוקט איין וויכטיגן פונקט אָין אייער אַרגומענט: מצרים האָט ניט געליטן דעם שיקזאַל פון אַנדערע. בבל אשור און אַנדערע לענדער פון אַרום זענען אין גאַנצן פאַרניכטעט געוואָרן. וואָלט יחזקאל נביאות געזאָגט לויט דער ערפאַרונג פון אָט דיזע לענדער וואָלט ער געזאָגט אַז מצרים ווערט האָבן דאָס זעלביגע מזל ווי דיזע מלוכות וועלכע זענען שוין אומגעקומען.

„שטעלט אייך פאָר אַז יחזקאל זאָל נביאות זאָגן וועגן מצרים אַז זי

וועט גענצליך פארניכטעט ווערן אזוי ווי בבל און אשור, — ווי וואלטן דאן סקעפטיקער מלא שמחה געווען, און ווי טריואמפירנד זיי וואלטן דערמאנט אן דעם פאקט אז דאס היינטיגע מצרים פארמאגט פילע היבשע שטעט און א פארשיידנארטיגע באפעלקערונג וועלכע צעהלט זיך אין די מיליאנען. אבער וועלכער פריידענקער קען אונס ציינן אן איין און איינ־ציגע נבואה וועגן מצרים וואס איז ניט דערפילט געווארן?״

„האט איר שוין אויסגערעכנט אלע נבואות?״ האט מר. שארפשטיין געפרעגט.

„איך האב קוים אנגעפאנגען. איך וועל בלויז אנווייזן אויף נאך צוויי אדער דריי מערקווירדיגע נבואות וועגן מצרים,״ האט מר. בערגמאן גע־ענטפערט.

„איך ווייס אז אייניגע פון אייך דענקען אפשר אז פארשן די געשיכטע פון אלטן מצרים איז א לאנגווייליגער און אומצופרידנשטעלנדער וועג צו זוכן די ווארהייט וועגן גאט. אבער איך טו עס ווייל גאט זעלבסט האט געזאגט אז אויב מיר וועלן ערנסט אויספארשן די נבואות וועט עס אונס נאהענטער ברענגען צו גאט.

„נאך אלעמען דארף עס אונס זעהר אינטערעסירן צו וויסן צי האבן טאקע מיט צוויי טויזנט פינף הונדערט יאר צוריק געלעבט מענשן וועל־כע האבן געהאט די פעהיגקייט פאראויסצוזעהן אונזער צייט און זאגן פונקט וואס עס וועט זיין דער שיקזאל פון די שטעט און מלוכות פון זייער צייט.

„איך וועל איצט ציטירן יחזקאל 30: 13: „אזוי זאגט דער האר גאט: איך וועל אויך צעשטערן די אפגעטער און איך וועל אומברענגען די געצן פון נוף.״

„מערקט אז דיזע ווערטער זענען די ווערטער פון ,האר גאט.׳ אויב דיזע נבואה איז ניט דערפילט געווארן איז ניט פאראן קיין אנטשול־דיגונג. עס איז א מערקווירדיגער פאקט אז נוף (ענגליש: מעמפיס) איז געגרינדעט געווארן פון מענעס, און איז געווען באקאנט אלס די גרויסע שטאט פון טעמפלס אין מצרים. עס וואלט אויסגעזעהן אוממעגליך אז די געצן און אפגעטער פון נוף זאלן צעשטערט ווערן, ווייל —

„1. דער קלימאט אין מצרים, וואו עס רעגנט קיינמאל ניט, פרעזער־ווירט פאלקאמען אויף טויזנטער יאר אלץ וואס ווערט באגראבן אונטער איר ערד.

„2. אין אלע אנדערע שטעט פון מצרים, סיי די עקזיסטירנדע סיי די חורב׳ע, זענען פאראן ביז היינט אומצעהליגע געצן און אפגעטער. טהע־בעס, די אמאליגע קרוין-שטאט פון מצרים, וואס איז שוין חורב גע־ווען ווען נוף האט נאך געבליהט, פארמאגט נאך היינט פילע געצן.

„3. ווען ישו הנוצרי איז געבוירן געווארן, דאס הייסט זעקס הונ־דערט יאר נאך דעם ווי יחזקאל האט געלעבט, האט עס אויסגעזעהן נאך אוממעגלעכער אז נוף זאל חורב ווערן, ווייל זי איז געווען גרויס און בא־וואוינט, די צווייטע גרויסע שטאט פון מצרים נאך אלעקסאנדריע.

„4. צוועלף הונדערט יאר נאך יחזקאל איז נוף געווען די רעזידענץ פון

מצרים׳ער גובערנאַטאָר. איר זעהט אַלזאָ אַז עס איז אוממעגליך געווען אַז דער נביא זאָל דיזע נבואה האָבן געשריבן נאָך דער דערפילונג.

„5. ווערנט דעם דרייצנטן יאָרהונדערט נ. קר. באַשרייבט דיזע שטאָט אבדול־לאַטיף, אַן אַראַבישער רייזנדער און דערצעהלט וועגן די וואונ־דערבאַרע ווערק וועלכע דער גרויסער קען קוים באַגרייפן, און וועלכע דער פעהיגסטער רעדנער וואָלט עס ניט געקענט באַשרייבן.״

„דאָס הייסט אַז אכצן הונדערט יאָר נאָך דער נבואה איז זי נאָך אַלץ ניט דערפילט געוואָרן, און —״

מר. שאַרפשטיין איז אויפגעשטאַנען, און דוד בערגמאַן האָט זיך העפ־ליך אָפּגעשטעלט און אים געגעבן דאָס וואָרט.

מר. בערגמאַן,״ האָט ער געזאָגט, „איך זעה אַז אייערע נבואות נעמען אַן אומגעהייער לאַנגע צייט דערפילט צו ווערן. פון אַ טויזנט ביז צוויי טויזנט יאָר איז נויטיג פאַר דיזע נבואות ערפילט צו ווערן. ערלויבט נאָר גענוג צייט און יעדע נבואה וועגן דער צעשטערונג פון אַ שטאָט אָדער פאָלק מוז דערפילט ווערן. און אַזוי ווי איר גיט אַליין צו אַז דיזע נבואה איז געמאַכט געוואָרן צוויי טויזנט פינף הונדערט יאָר צוריק, האָט זי געהאַט גענוג צייט דערפילט צו ווערן. עס איז דערפאַר גאָר ניט אַזאַ גרוי־סער וואונדער.״

די פאַרזאַמלטע האָבן אַפּלאָדירט מר. שאַרפשטיינען אַלס ער האָט זיך אוועקגעזעצט. דבורהלע האָט זיך אָנגעלעהנט און געצערטלט איר פאָ־טער׳ס האַנט צו גראַטולירן אים, און יאָסעלע האָט געניינגט מיטן קאָפּ אַלס צושטימונג.

„איך האָב געהאָפט, מר. שאַרפשטיין,״ האָט דוד בערגמאַן געענט־פערט ווען די אַפּלאָדיסמענטן האָבן אויפגעהערט, „אַז איר וועט טאַקע מאַכן אָט דיזע באַמערקונג. אייער אַרגומענט באַווייזט אַז איר גיט צו אַז די נבואה איז דערפילט געוואָרן; און אַז איר זייט ניט חשד אַז די נבואה איז געמאַכט געוואָרן נאָך דער דערפילונג, אָדער אַז די פאַקטן זענען צו־דרעהט געוואָרן כדי זיי זאָלן פאַסן צו דער נבואה.

„מיין פּובליקום האָט אַוודאי באַמערקט אַז אויב די דערפילונג פון דער נבואה געשעהט באַלד נאָך דעם ווי זי איז געמאַכט געוואָרן, דאַן זאָגן די סקעפּטיקער אַז די נבואה איז געמאַכט געוואָרן נאָך דעם ווי דערפילונג איז שוין געשעהן. אויב אָבער די דערפילונג קומט פאַר אַ צוויי טויזנט יאָר נאָך דער דערפילונג, זאָגן די סקעפּטיקער אַז אין אַזאַ לאַנגער צייט קען יעדע נבואה דערפילט ווערן.

„אָבער עס זענען פאַראַן נבואות וועלכע די סקעפּטיקער קענען ניט אַזוי לייכט אוועקמאַכן מיט דער האַנט, און —״

„קענט איר געבן אַן איבערצייגנדן ביישפּיל?״ האָט מר. שאַרפשטיין געפרעגט.

„די שטאָט נוף וועגן וועלכער מיר האָבן שוין גערעדט, איז אַ גוטער ביישפּיל, ווייל די צייט האָט ניט פאַרניכטעט די אָפּגעטער פון אַנדערע עגיפּטישע שטעט וואָס זענען פּונקט אַזוי אַלט ווי נוף. באַטראַכט גוט די פאָלגנדע ווערטער פון מיסס אַמיליע ב. עדוואַרדס, אָטאָריטעט וועגן

מצרים, אין איר בוך, „אַ טויזנט מייל איבערן נילוס,“ זייטן 97־99: „און דאָס איז אַלץ וואָס איז איבערגעבליבן פון נוף, די עלטסטע שטאָט: איי־ניגע מיסטהויפנס, אַ טוץ צעבראָכענע סטאַטועס, און אַ נאָמען! . . . וואו זענען היינט די איינדרוקספולע רואינעס וואָס זענען דאָ געליגן אויס־געשפּרייט אַ לאַנגע שטרעקע אין אַלע ריכטונגען ווערנט מיטלאַלטער־טום? עס גלויבט זיך קוים אַז אַמאָל זאָל דאָ האָבן געבליהט אַ גרויסע שטאָט, און עס איז שווער צו פאַרשטעהן ווי אַזוי זי איז אַזוי גענצליך אויסגעמעקט געוואָרן.“

„די אפּיקורסים זאָגן אַז אַלץ וואָס איז נויטיג געווען פאַר דער נבואה דערפילט צו ווערן איז צייט. אָבער מערקט וואָס עס זאָגט יחזקאל 30: 12 —: „איך . . . וועל דאָס לאַנד פאַרקויפן צו די הענד פון די רשעים.“

„דאָס מיינט אַז דאָס לאַנד וועט אַהן ווידערשטאַנד איבערגעגעבן ווערן צו די הענד פון אַ שונא, פּונקט ווי שקלאַפן וואָלטן פאַרקויפט געוואָרן. שקלאַפן האָבן ניט קיינע רעכטע, און רשעים פאַרדינען ניט קיין רחמנות.

„וואָלנעי, דער פראַנצויזישער סקעפּטיקער וועלכער האָט אַרומגערייזט דאָס גאַנצע לאַנד, רופט אָן מצרים „דאָס לאַנד פון שקלאַפעריי און טי־ראַניי.“ מאַלטע־ברון, אויך אַ רייזן־וויסנשאַפטלער, שרייבט וועגן דער „טיראַנישער הערשאַפט פון די ברוטאַלע געוועלטיקער איבער מצרים.“

„די געשיכטע פון מצרים פאַר די לעצטע אַכצן הונדערט יאָר איז פּשוט אַ פּינקטלעכע דערפילונג פון די ווערטער — „איך . . . וועל דאָס לאַנד פאַרקויפן צו די הענד פון רשעים.“

מר. שאַרפשטיין האָט אים אונטערבראָכן: „עס איז גאַנץ לייכט נביאות צו זאָגן אַז רשעים וועלן געוועלטיגן. כמעט אַלע הערשער פון אַמאָל, און בפרט באַזיגער, זענען געווען רשעים.“

„אמת,“ האָט מר. בערגמאַן געענטפערט. „מיך פרעהט וואָס איר גיט צו אַז די נבואה איז דערפילט געוואָרן, האָטש איר זוכט עס צו דער־קלערן אויף אייער אייגענעם אופן. מערקט אָבער אַ ווייטערע נבואה אין זעלבן פּסוק: „איך וועל דאָס לאַנד וויסט מאַכן, און אַלץ דאַרין, דורך דער האַנד פון פרעמדע.“

ווערנט די לעצטע צוויי טויזנט פינף הונדערט יאָר האָט מצרים קיינ־מאָל ניט געהאַט קיין אייגענעם פּרינץ אָדער הערשער, נאָר אַלעמאָל, אָהן אָן איינציגער אויסנאַמע, האָבן איבער איר געהערשט פרעמדע — פּער־סיער, גריכן, רוימער, ביזאַנטיער גריעכן, טערקן, פראַנצויזן און ענג־לענדער, פרעמדע, — אַלעמאָל פרעמדע, — אַזוי ווי דער נביא האָט פאָר־אויסגעזאָגט.

„אָט איז אַ נבואה וואָס וואָלט, לויט לאָגיק, געדאַרפט דורכפאַלן אין משך פון אַ לאַנגן פּעריאָד צייט. ווייל אַנדערע אונטערטעניגע פעלקער האָבן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם יאָך, און דערנאָך אונטערטעניג גע־מאַכט זייערע אַמאָליגע באַזיגער. אָבער וועגן מצרים זאָגט דער נביא אַז דאָס וועט קיינמאָל ניט געשעהן. פון וואַנען האָט דער נביא געוואוסט אַז די עגיפּטער וועלן קיינמאָל ניט מעהן האָבן קיין אייגענעם הערשער?

„און דאָס איז נאָך ניט אַלץ. אין נעקסטן פּסוק זאָגט דער נביא:

„עס וועט מעהר ניט זיין קיין פרינץ פון לאנד מצרים."

(דער איצטיגער קעניג פון מצרים, פואד דער ערשטער, איז ניט קיין עגיפטער, לויט זיין אפשטאם, נאר אן אלבאניער. ער איז א זוהן פון פאר־שטארבענעם כעדיוו יזמאיל פאשא, וועלכער איז געווען דער צווייטער זוהן פון איבראהים, אן אייניקל פון מעהעמעט אלי. מעהעמעט אלי איז אלזא דער גרינדער פון דער איצטיגער קעניגלעכער פאמיליע פון מצרים. ער איז געבוירן געווארן אין קאוואלא, א קליינער האפן אויפן גרענעץ פון טראציע און מאצעדאניע. זיין פאטער, אן אלבאניער איז געווען אן „אגא" א קליינער לאנד־באזיצער, און ער זעלבסט האט אנגעהויבן זיין קאריערע אלס אומוויכטיגער באאמטער און טאבאק־הענדלער. לויט א קאמפרא־מיס צווישן די גרויסמעכטע פון אייראפא איז מעהעמעט אלי געווארן אן ערבליכער הערשער איבער מצרים. דאס הייסט אז מצרים איז איי־גנטליך אונטער פרעמדער הערשאפט, און אז ביז היינטיגן טאג, ווי גאט האט פאראויסגעזאגט, איז מצרים אהן אן אייגענעם פרינץ.)

„אט איז א נבואה וואס וואלט מיט דער צייט געדארפט דורכפאלן, ווייל אויב מצרים איז בכלל ווערטה זי זאל עקזיסטירן, וואלט מיט איר געשעהן וואס עס האט געשעהן מיט אנדערע באזינגטע מדינות, — אן איי־גענער שטארקער מענש וואלט אויפגעקומען וואס וואלט אראפגעווארפן דעם פרעמדן יאך און געווארן הערשער. אזוי האט פילמאל פאסירט אין דער רוימישער היסטאריע, אבער קיינמאל ניט אין דער עגיפטישער. געדענקט אז ק י י ן אנדער לאנד אין דער גאנצער געשיכטע פון דער וועלט איז ניט געווען אונטערטעניג און אהן אן אייגענעם הערשער אזא לאנגע צייט, ווי מצרים. פון וואנען האט עס דער נביא געוואוסט?

„קען אימיצער פון פובליקום אפלייקענען אז וועלכער עס איז טייל פון דער נבואה וועגן מצרים האט פארפעהלט ערפילט ווערן די לעצטע צוויי טויזנט פינף הונדערט יאר? אפיקורסים וואלטן פיל געוואונען ווען מר. שארפשטיין וואלט געקענט זאגן וועגן מצרים דאסזעלבע וואס וועגן רוים — ד. ה. אז זי, מצרים, האט אויך אראפגעווארפן אירע פרעמדע הערשער און האט זיך וועניגסטנס צייטנווייז אליין רעגירט דורך אן אייגענעם פרינץ.

„אבער מר. שארפשטיין קען דאס ניט זאגן. פארקערט, איר מוזט צו־געבן אז די נבואות זענען ערפילט געווארן; און ווען איך פאדער פון אייך אן ערקלערונג פון אזא וואונדער, זענען די ענטפערס שוואך און ווייט ניט איבערצייגנט.

„ראבערט אינגערסאל, דער בארימטער סקעפטיקער, און הענרי ווארד ביעטשער, דער גרויסער פריידיגער, זענען געווען פריינט. אין שטודיום־צימער פון בארימטן פרעדיגער איז געשטאנען א קונסטפולער הימלשער גלאבוס. אויף זיין אויבערפלאך זענען געווען רעליעף־פיגורן פון די שטערן־גרופעס און זייערע שטערן. דער גלאבוס איז אינגערסאלן שטארק געפעלן געווארן. ער האט עס באטראכט פון אלע זייטן און איז געווען אנטציקט דערפון.

„דאס איז פונקט וואס איך וויל האבן," האט ער געזאגט; „ווער האט עס געמאכט?"

„איר פרעגט, ווער האט געמאכט, קוירנעל?" האט מר. ביעטשער כלומערשט ערשטוינט געענטפערט. ווער ס'האט געמאכט דיזן גלאבוס? קיינער ניט. עס איז ניט מעהר ווי א צופאל."

„ווען מע איבערצייגט אייך אפיקורסים, אז די ביבל־נביאות זענען דערפילט געווארן, גיט איר צו אז עס איז אמת, אבער ווען מע פרעגט אייך איר זאלט ערקלערן, פון וואנען די נביאים האבן געוואוסט וואס עס וועט געשעהן, איז אייער ענטפער „עס איז ניט מעהר ווי א צופאל."

„פארוואס אזא „צופאל" האט קיינמאל ניט פאסירט אויסער דער ביבל, דאס נעמט איר זיך ניט אונטער צו ערקלערן. ניט מעהר איר זאגט אז איר וועט ניט אננעמען קיין ערקלערונג וואס איז איבערנאטירליך. אבער צי איז דען ניט אזא שטעלונג א פארטייאישע? אן אומפארטייישער דענקער מוז זיין פריי פון פאראורטיילע, און וועט ניט צוריקווייזן קיינע באווייזע אפילו ווען זיי שטימען ניט מיט זיינע פריהערדיגע אנשויאונגען."

„ביי אונזער קומענדיגער פארזאמלונג וועלן מיר באטראכטן די אומפאסנדסע נבואות פון די הייליגע שריפט, וואס האט פאראויסגעזאגט די געשיכטע פון פעלקער זייט צוויי טויזנט פינף הונדערט יאר צוריק און ביזן היינטיגן טאג, און איר וועט אליין אורטיילן צי עס איז אמת."

קאַפּיטל 6

אַ דרייסטע נבואות פון דניאל

„איר, מר. שאַרפשטיין, האָט זיך אויסגעדריקט אַז וואָס פאַר אַ נבואה מע זאָל ניט מאַכן, וועט זי שוין ווי עס איז מיט דער צייט ערפילט ווערן,“ האָט מר. בערגמאַן אָנגעהויבן, אַלס דאָס גרויסע פובליקום איז גערופן געוואָרן צו אָרדער פון טשערמאַן.

„איר האָט שוין אויפגעגעבן אייער פאַרזוך צו באַווייזן אַז אַלע נבואות זענען געמאַכט געוואָרן נאָך דעם ווי די פאַסירונגען זענען געשעהן, און איצט זאָגט איר פונקט קאַפויר, אַז צווישן די נבואות און די דערפילונגען איז פאַרבייגעגאַנגען אַזאַ לאַנגער שטך צייט עס איז קיין וואונדער ניט וואָס אַלץ איז „דערפילט“ געוואָרן. איצט וועלן מיר זעהן אַז דיזע השערה איז אויך אַ פאַלשע.

„די געשיכטע פון אויפקום און אונטערגאַנג פון דער רוימישער אימפעריע איז צום ערשטן געשריבן געוואָרן, ניט פון אפיקורסישן היסטאָריקער עדוואַרד גיבאָנס אין אַכצנטן יאָרהונדערט, נאָר פון אידישן נביא דניאל אַ פינף הונדערט יאָר פאַר קריסטוסן. און דער סקעפטיקער גיבאָן באַשרייבט איינצלהאַפטיג זעקס גרויסע בענד ווי פינקטליך עס איז דערפילט געוואָרן די נבואה פון דניאל.“

מר. שאַרפשטיין איז ווי אויפגעשפרונגען אַן אויפגערעגטער, און זיין פנים האָט אויסגעדריקט ערשטוינונג. „מיינט איר צו זאָגן אַז דער ספר דניאל איז אָנגעשריבן געוואָרן פינף הונדערט יאָר פאַר קריסטוסן?“ (און דאָ האָט מר. שאַרפשטיין זיך אומגעקעהרט צום פובליקום און אויסגעשפרייט זיינע הענט אין אַ זשעסט פון דערשטוינונג). „עס איז גאַנץ אַלגעמיין אָנערקענט ביי ביבל-קריטיקער אַז דאָס ספר דניאל איז ניט געשריבן געוואָרן פון דניאל, נאָר פון אַן אומבאַקאַנטן אוטאָר אַרום דעם יאָר 168 פאַר קריסטוסן.“

„איך ווייס, מר. שאַרפשטיין,“ האָט מר. בערגמאַן געענטפערט, „אַז שוין זייט דעם דריטן יאָרהונדערט פאַר קריסטוסן האָבן קריטיקער געזוכט דיסקרעדיטירן אָט דעם ספר, ווייל זיי האָבן ניט געקענט אָפּלייקענען די אַקוראַטקייט פון די דערפילונגען. אין די קאַפּיטלאַך 2 און 7 זענען פאַראַן אַזעלכע קלאָרע נבואות וואָס זאָגן פאָראויס די גאַנצע געשיכטע פון דער וועלט, אָנהויבנדיג מיט בבל און שליסנדיג מיט אונזער צייט, אַז אפיקורסים האָבן דאָס ניט געקענט ערקלערן סיידן צוגעבן אַז גאָט האָט טאַקע די צוקונפט אַנטפּלעקט צום נביא.

„די אומגלויביגע דענדען אַז אויב זיי קענען באַווייזן אַז דניאל איז גאָר ניט דער אוטאָר פון דעם ספר וואָס טראָגט זיין נאָמען, און אַז פאַרפאַסט דעם ספר האָט גאָר עפּעס אַן אומבאַקאַנטע פערזאָן אַרום דעם יאָר 168 נאָך קריסטוסן, פאַרלירט דער ספר דערמיט זיין גאַנצן זינען און די נבואות זענען ווערטלאָז. אָבער אפילו ווען מיר זאָלן צוגעבן אַז דער ספר

איז פארפאסט געוואָרן אין יאָר 168 פ. קר. זענען די נבואות דערפון נאָך אַלץ אַ וואונדער איבער וואונדער.

„עס איז ניט מיין צוועק אריינצוגעהן אין די איינצלהייטן פון די נבואות פון דניאל קאַפּיטלאך 2 און 7. עס וואָלט געפאָדערט אַ גאַנצע סעריע לעקציעס צו באהאנדלען דיזן ענין ווי עס באדאַרף צו זיין. איך וויל בלויז ערקלערן איין פונקט.

„עס מאכט ניט אויס וואָס די קריטיקער אָדער צווייפלער זאָגן וועגן ווער עס האָט געשריבן אָדער ווען מע האָט געשריבן דעם ספר דניאל, אויף איין פונקט זענען זיי אַלע מסכים: אַז לויט אָט דעם ספר וועלען אויף דער וועלט עקזיסטירן בלויז פיער גרויסע אוניווערסאַלע וועלט־מעכטע, אָנהויבנדיג מיט בבל — פיער און ניט מעהר — ביז צום סוף פון דער וועלט.

„אויב דניאל האָט געלעבט אַ 600 יאָר פאַר קריסטוסן, האָט ער פאָר־אויסגעזאָגט דעם אויפקום און אונטערגאנג פון די דריי אימפּעריעס וואָס האָבן עקזיסטירט נאָך בבל, וואָס איז שוין אליין אַ וואונדערלעכע נבואה. אָבער כדי פון דניאלן אוועקצונעהמען אָט דיזן כבוד האָבן סקעפּטיקער געזוכט באווייזן אַז דער ספר איז אָנגעשריבן געוואָרן ערשט ארום 168 פאַר קר. — נאָך דעם ווי רוים איז געוואָרן אַ וועלט־מאַכט.

„אויב די סקעפּטיקער זענען גערעכט און דער ספר איז טאַקע אָנ־געשריבן געוואָרן אין יאָר 168 פאַר קר., איז זיין פאַרפאַסער געווען באַ־קאַנט מיט דעם פאַקט אַז אין בלויזע פיר הונדערט יאָר צייט האָבן בבל, מעדאָ־פּערסיע, גריכנלאַנד און רוים נאָכאַנאַנד געהערשט איבער דער וועלט. בבל איז געפאַלן אין יאָר 538 פ. קר. באזיגט פון כרשן, מלך פון מעדאָ־פּערסיע. אין 331 פ. קר. ביי דער שלאַכט פון ארבעלאַ האָט אַלק־סנדר דער גרויסער באזיגט די מעדאָ־פּערסיער און האָט איבערגענומען די וועלט־הערשאַפט. די רוימער האָבן בייגעקומען די גרעקן נעבן דער שטאָט פּידנאָ אין 22טן יוני פון יאָר 168 פ. קר. און אָט דעם יאָר איז רוים געוואָרן אַ וועלט-מאכט. דאָס הייסט אַז צווישן די יאָרן 538 פ. קר. און 168 פ. קר. (אַ סך הכל פון 370 יאָר) האָבן געהערשט פיער גרויסע וועלט־מעכט.

„ווען מע האָט אין זינען אָט די פאַקטן זענען די נבואות פון דניאל קאַפּיטלאך 2 און 7, אפילו מיר זאָלן צוגעבן זיי זענען פאַרפאַסט גע־וואָרן אין 168 פ. קר., — פונקט אַזוי מערקווירדיג ווי ווען זיי וואָלטן פאַרפאַסט געוואָרן 600 פ. קר. נאָך דעם ווי אין בלויזע 370 יאָר האָבן עקזיסטירט פיער גרויסע וועלט־מעכט, האָט דער נביא געהאַט די אומ־געהייערע געוואַגטקייט צו פראָפעצייען אַז אין אַלע קומענדיגע דורות פון דער וועלט־געשיכטע ווען קיינמאָל ניט מער עקזיסטירן קיין אַנ־דערע וועלט־מאַכט! צו מאַכן אַזאַ מין נבואה איז געווען להיפוך יעדן היסטאָרישן פּרעצעדענט, להיפוך יעדער לאָגיק, כמעט אַן אומזין. וואָרין אויב עס האָבן אין 400 יאָר עקזיסטירט פיער וועלט־מעכט, וואָלט אויסגעזעהן לויט דער לאָגיק אַז ווערנט די ווייטערע צוויי טויזנט יאָר וועלן אויפקומען איינע נאָך דער אַנדערער אַ צוואַנציג וועלט־מעכט.



די סטאַטוע וואָס נבוכדנצר האָט געזעהן אין זיין חלום. (לעזט דניאל קאַפּיטל 2). דיזע סטאַטוע שטעלט מיט זיך פאָר די פיר גרויסע וועלט־אימפעריעס פון דער גע־שיכטע: בבל, מעדאָ־פּערסיע, גריכנלאַנד און רוים.

אָבער עס איז ניט אויפגעקומען קיין איינציגע! דער נביא האָט ווייטער געטראָפן! ווי ערקלערט איר אָט דעם מערקווירדיגן פאַקט? דניאל האָט געוואוסט אַז אַזוי וועט געשעהן, און דערפאַר האָט ער עס פאָראויסגע־זאָגט. אָבער פון וואַנען האָט ער עס געוואוסט? פּשוט ווייל גאָט האָט עס אים אַנטפּלעקט, פון זיך זעלבסט וואָלט ער אַזאַ נבואה ניט געמאַכט, ווייל עס וואָלט געווען להיפוך יעדער לאָגיק. יעדע קומענדיגע הונדערט יאָר וואָלט די דערפילונג געוואָרן אַלץ מערקווירדיגער, ווייל עס וואָלט גע־ווען להיפוך יעדן היסטאָרישן פּרעצעדענט.

„אויב מע וואָלט די חכמים פון דניאל׳ס צייט געפרעגט צו טרעפן וואָס די צוקונפט וועט ברענגען, וואָלטן זיי געוויס געענטפערט אַז דיזעלביגע ענדערונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט וועלן ווייטער געשעהן ווערנט די צוקונפטיגע צוויי טויזנט יאָר, ווייל מע האָט אַלעמאָל געגלויבט אַז „די געשיכטע ווידערהאָלט זיך.“

„אַזוי ווי בבל איז באַזיגט געוואָרן פון מעדאָ־פּערסיע, און מעדאָ־פּערסיע פון גריכנלאַנד, און גריכנלאַנד פון רוים, אַזוי וואָלט יעדער לאָגישער דענקער פּראָפּעצייעט אַז נאָך רוים וועט געוויס אויך אויפ־קומען אַ נייע אוניווערסאַלע וועלט־מאַכט. אָבער איז אַזוינס געשעהן? יעדער סקול־אינגל ווייסט אַז רוים איז געווען די לעצטע וועלט־קעניג־רייך. אָבער דניאל, זעהט אויס, האָט עס שוין געוואוסט מיט טויזנטער יאָר צוריק. איך פרעג ווידער: פון וואַנען האָט ער עס געוואוסט?

„אפּיקורסים ווייסן גוט אַז אויב דניאל׳ס נבואות זענען געמאַכט גע־וואָרן אין בבל׳ס צייט זענען זיי אַן אומדערקלערבאַרער וואונדער. האָבן זיי אומישנע אויסגעקלערט אַז דער ספר איז אָנגעשריבן געוואָרן אין דער צייט פון רוים, דענקענדיג אַז דערמיט וועט דער ספר אויפהערן זיין אַ וואונדער. אָבער עס האָט זיי ניט געהאָלפן, ווייל אַזוי צי אַזוי בלייבט די פראַגע אומערלעדיגט.. סיי דער ספר איז פאַרפאַסט געוואָרן 600 פ. קר. אָדער סיי אין יאָר 168 איז די נבואה דאָך אַ וואונדער וואָס אפּיקור־סים קענען ניט ערקלערן.“

„איך זעה ניט איין ווי אַזוי איר קומט צו אָט דעם באַשלוס,“ האָט אים מר. שאַרפשטיין איבערגעריסן. „ווייל אויב דער ספר דניאל איז פאַר־פאַסט געוואָרן ערשט נאָך דעם ווי די וועלט־אימפּעריעס זענען אויפ־געקומען און אונטערגעגאַנגען, קענט איר שוין מער ניט באַווייזן אַז אַ נביא האָט פאָראויסגעזאָגט דעם אויפקום און דעם אונטערגאַנג פון אָט דיזע וועלט־אימפּעריעס.“

„איר האָט רעכט,“ האָט מר. בערגמאַן געשמייכלט. „אָבער לאָמיר באַ־טראַכטן ביידע מעגלעכקייטן אויף אַ ווײַלע. אויב דער ספר דניאל איז פאַרפאַסט געוואָרן אַרום 600 פ. קר. גיט איר צו אַז די נבואות זענען צו וואונדערליך אַז מע זאָל זיי קענען ערקלערן אויף אַ נאַטירלעכן אופן. אָבער איר סקעפּטיקער פאַרגעסט אַז ווען איר באַהויפּט אַז דער ספר איז פאַרפאַסט געוואָרן שפּעטער שאַפט איר פאַר זיך אַ נייע שוועריג־קייט און אַ נייעם וואונדער.“

„איך זעה נאָך אַלץ ניט איין ווי אַזוי דאָס קען זיין," האָט מר. שאַרפּ־שטיין באַמערקט.

„איך וועל עס קלאָר מאַכן," האָט מר. בערגמאַן געענטפערט. „ווען איר באַהויפּט אַז דער ספר דניאל איז געשריבן געוואָרן אין יאָר 168 פ. קר. הייסט עס אַז עס איז געשריבן געוואָרן נאָך דעם ווי אַלע פיער וועלט־אימ־פּעריעס זענען שוין אויפגעקומען. דער פּראָפעסער, הייסט עס, האָט שוין געוואוסט אויס דער היסטאָריע אַז אין משך פון 370 יאָר זענען אויפגע־קומען פיער וועלט־אימפּעריעס. דאָך האָט ער געמאַכט אַ פּראָפעציייאונג וואָס איז געגנצליך להיפוך אָט די היסטאָרישע פאַקטן. קיין לאָגישער דענ־קער וואָלט ניט געמאַכט אַזאַ פּראָפעצייאונג. דערפון מוז מען קומען צום באַשלוס אַז דער פּראָפעסער פון אָט דעם ספר האָט געקראָגן זיין אינ־פאָרמאַציע ניט פון אַ פשוט מענשלעכן קוואַל.

„אויב אָבער דער ספר דניאל איז טאַקע פאַרפאַסט געוואָרן אַרום 100 פ. קר. האָט דער פּראָפעסער נאָך ניט פאַרמאָגט קיינע היסטאָרישע באַ־ווייזע אַז איין וועלט־אימפּעריע וועט אויפקומען נאָך דער אַנדערער, ווייל די פריהערדיגע מלוכות זענען ניט געווען וועלט־אימפּעריעס. דאָס הייסט אַז אין יאָר 600 פ. קר. וואָלט דער פּראָפעסער פון בוך ניט פאַרמאָגט קיין באַשטימטן היסטאָרישן פּרעצעדענט, ווערנט אין יאָר 168 וואָלט ער שוין יאָ געהאַט אַזאַ ערפאַרונג. דערמיט וואָס איר זאָגט אַז דאָס ספר איז פאַרפאַסט געוואָרן אין 168 פ. קר. שאַפט איר אַלזאָ פאַר זיך אַ נייע שוועריגקייט וועלכע דער מענשלעכער פאַרשטאַנד קען ניט ערקלערן.

„אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. לאָמיר באַטראַכטן דאָס בילד וואָס דער נביא דניאל מאָלט וועגן אונזער צייט. שטעלט אייך פאָר די איבעררא־שונג און ערשטוינונג פון די גלויביגע פון 600 פ. קר. אַלס זיי האָבן גע־לעזן די נבואה פון דניאל אַז פון דאַמאָלס אָן ביז צום סוף פון דער וועלט וועט ניט מעהר זיין קיין אַנדערע וועלט־אימפּעריע, חוץ דעם קע־ניגרייך וואָס גאָט זעלבסט וועט אויפשטעלן; און שטעלט אייך פאָר דאָס סאַרקאַסטישע געלעכטער פון די אפיקורסים פון יענע צייטן איבער אַזאַ „אַבסורדער" נבואה.

„היינט אָבער, ווער עס קוקט צוריק אויף די לעצטע צוויי טויזנט יאָר, מוז ער צוגעבן אַז עס האָט ניט עקזיסטירט קיין אַנדערע וועלט־אימפּעריע זייט רוים. לעזט וועלכע היסטאָריע איר ווילט, לעזט, איבערהויפּט, די באַרימטע היסטאָריע געשריבן פון איינעם פון די גרעסטע אפיקורסים, מר. גיבאָנ'ס „רוים" — און איר וועט איינזעהן אַז דיזע „אומשטאַרב־לעכע" ווערק איז פשוט אַ ניטווילנדיגע באַשטעטיגונג אַז דניאל'ס נבואה איז פינקטליך און אַקוראַט ערפילט געוואָרן. גיבאָנ'ס היסטאָריע וועט אייך באַשרייבן ווי אַזוי די אכזריותדיגע באַרבאַרן פון צפון האָבן פאַר־פלייצט די מעריב־רוימישע אימפּעריע אין פופטן יאָרהונדערט; אָבער כאָטש זיי האָבן רוים איינגענומען זענען זיי אָבער ניט געוואָרן אַ וועלט־אימפּעריע.

„גיבאָן וועט אייך אויך דערציילן ווי אַזוי די אַראַבער זענען דעם זיבעטן יאָרהונדערט אָנגעקומען אויס די זאַמדיגע מדבריות און באַפאַלן

די רוימישע מורח־אימפעריע און אויך די מעריב־אימפעריע. ער האָט אויסגעזעהן פאר א צייט אז די כאַליפן וועלן פאַרנעמען דעם טראָן פון די צעזאַרס. די טאָטערן און די טערקן האָבן פאַרפלייצט דעם מזרח און מעריב פון איירָאָפּאַ, און די מענשהייט האָט מורא געהאַט אז זיי וועלן הערשן איבער דער גאַנצער וועלט. אָבער עס האָט זיי ניט געלינגען.

„נאָך זיי האָבן אַנדערע פאַרזוכט צו גרינדן אַ וועלט־אימפעריע און אַזוי אַרום צונישט מאַכן די נבואה פון דניאל. פיל בלוט איז פאַר־גאָסן געוואָרן די לעצטע צוויי טויזנט יאָר צוליב דעם, אָבער אויפשטעלן אַ נייע וועלט־אימפעריע איז קיינעם ניט געלינגען. דער מעכטיגער שאַר־לעמאַן, דער פלינקער קאַרל דער 7טער פון שוועציע, דער ענערגישער נאַפּאָלעאָן, דער אַמביציעזער דייטשער קאַיזער, פילע אַנדערע קריגס־העלדן האָבן זיך פאַרמאָסטן אויף גרינדן אַ וועלט־אימפעריע, אָבער זיי האָבן אַלע געליטן אַ מואסן דורכפאַל.

„אָבער דער נביא האָט זיך ניט באַגניגנט מיט פאָראויסזאָגן אז נאָך דער פירטער וועלט־אימפעריע (די רוימישע) וועט מעהר ניט אויפקומען קיין אַנדערע, ער האָט אויך פּראָפעצייעט אז רוים וועט צעברעקלט ווערן אויף אַ צאָל קליינערע מדינות וועלכע וועלן עקזיסטירן (מיט ווייניגע אויסנאַמע וועלכע דער נביא דערמאָנט) ביזן סוף פון דער וועלט.

„שטעלט אייך פאָר אין וועלכער אַ פאַרלעגנהייט עס וואָלטן זיך געפינען די היינטיגע גלויביגע אין דער ביבל ווען עפּעס אַ קאַיזער אָדער אַ נאַ־פּאָלעאָן אָדער אַ היטלער וואָלט באַזיגט אַלע ציוויליזירטע פעלקער פון דער וועלט און וואָלט זיי צוזאַמענגעקלעפּט אין איין נייער מעכטיגע־וועלט־אימפעריע! דאָס וואָלט גלייך צונישט געמאַכט די נבואה. איך וואַרט אַ ווײַלע און פרעג די סקעפּטיקער צי קענען זיי פון דער היסטאָריע ברענגען איין איינציגן ביישפּיל אז די דאָזיגע נבואה האָט פאַרפעהלט ערפילט ווערן.

„יעדער גרויסער הערשער אָדער מעכטיגער קריגס־העלד דענקט אז אימיצער וועט מיט דער צייט ווערן אַ וועלט־הערשער, און אויב אַזוי פאַר־וואָס זאָל ער ניט זיין אָט דער הערשער? און ווען אימיצער וואָלט טאַקע דערגרייכט אָט דעם ציל וואָלט עס טאַקע געווען אַ שלאָגנדער אַרגומענט קעגן די ביבלישע נבואות. גאָט האָט געטשאַלענדזשט אַפּיקורסים צוויי טויזנט פינף הונדערט יאָר צוריק אָדער אַז זיי זאָלן אַליין פּרואוון נבואות מאַכן אָדער צוברעכן איין און איינציגע פון די ביבל־נבואות. ביז איצט האָט קיינעם ניט געלינגען דאָס טון. די היסטאָריעס וואָס זענען פאַר־פאַסט געוואָרן פון אַפּיקורסישע היסטאָריקער גופא מאַכן לעכערליך זייער קריטיק פון דער ביבל.

„יעדע ערפילונג פון אַ נבואה איז אַ באַווייז אַז די ביבל איז באַגייס־טערט געוואָרן פון גאָט, אָבער יעדע ווייטערע ערפילונג פאַרשטאַרקט פילמאָל אָט דיזע באַווייזע.

„אין דער נעקסטער לעקטשור וועלן מיר באַווייזן אַז איטלעכער איד וואָס לעבט היינט איז אַ נס מין השמים.“

קאַפּיטל 7

יעדער איד איז אַ נס מין השמים

„איך קום צו אָט דער טעמע מיט פיל עהרפורכט, האָט מר. בערגמאַן אָנגעהויבן נאָך דעם ווי דר. בערנשטיין האָט דאָס פּובליקום גערופן צו אָרדער. „אויף דער גאָרער וועלט איז ניטאָ נאָך עפּעס אַזוי מערקווירדיג, אַזוי טראַגיש, און דאָך אַזוי וואונדערליך ווי דער איד. ער איז די פּאַטעטישסטע אָבער אויך די אויסערגעוויינטלעכסטע באַשעפעניש אויף דער ערד.

„פון דער מעכטיגסטער רוימישער אימפּעריע זענען היינט איבערגעבליבן בלויז גרויסע רואינעס, חורב'ע פּאַלאַצן, צעבראָכענע סקולפּטורן, צעשטערט און פאַרוויסט פון די אכזריותדיגע באַרבאַרן. די פּאַלאַצן פון די צעזאַרס ליגן אין רואינעס. די רוימישע מלוכה איז היינט בלויז אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט, און די נעמען פון אירע הערשער זענען אָדער אין גאַנצן פאַרגעסן, אָדער מע געדענקט זיי בלויז צוליב זייערע נידערטרעכטיגע טאַטן. די אייזערנע רוים, ווי דניאל האָט ריכטיג פאָראויסגעזאָגט, איז צעברעקלט און צעטיילט, און קיין אַנדערע וועלט־אימפּעריע איז נאָך איר ניט אויפגעקומען.

„אָבער דאָס אידיש פאָלק וואָס רוים האָט באַזיגט און האָט געטויט זייערע הויפּט־פירער, וואָס האָט חורב געמאַכט ירושלים און פאַרברענט דאָס בית המקדש, וועמעס קינדער רוים האָט פאַרקויפט אַלס שקלאַפן — דאָס דאָזיגע פאָלק לעבט און מעהרט זיך נאָך אַלץ אויף דער וועלט.

„רוים איז שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען, אָבער דאָס אידיש פאָלק בלייבט. מיט הונדערטער יאָר פאַר רוים זענען אידן געווען אַ מעכטיג פאָלק. אין דער געשיכטע פון אידישן פאָלק פאַרנעמט דאָס מעכטיגע רוים בלויז איין קאַפּיטל, די אידישע געשיכטע ציהט זיך אָבער ווייטער נאָך דעם ווי רוים איז אונטערגעגאַנגען.

„אַ מערקווירדיגער פאַקט: יעדע נאַציאָן וואָס האָט די אידן אונטערדריקט איז אונטערגעגאַנגען! אָבער די אידן זעלבסט, כאָטש זיי זענען געווען אונטערדריקט, פאַרשקלאַפט, דעקלאַסירט און באַרויבט אין יעדן לאַנד פון זייער גלות — דאָס אידיש פאָלק האָט איבערגעלעבט אַלע זיינע שונאים און געפינט זיך היינט אין דער גאַנצער וועלט. פון אַלע אַמאָליגע שכנישע פעלקער פון יהודה איז איבערגעבליבן בלויז פּערסיע. מע דאַרף ניט פאַרגעסן אַז פּערסיע איז געווען דאָס פאָלק וואָס האָט די אידן געראַטעוועט פון גלות בבל!

„אין ספר ויקרא און דברים ווערט פּראָפעצייעט דער שיקזאַל פון אידישן פאָלק פאַר דריי טויזנט פיר הונדערט יאָר — פון 1500 פאַר קריסטוסן ביזן איצטיגן מאָמענט."

„אָבער איר קענט ניט באַווייזן אַז משה האָט געשריבן דיזע נבואות," האָט מר. שאַרפשטיין אים איבערגעשלאָגן. „עס איז אַ סבורה אַז די



דער כוסל המערבי, די וואנט וואס אידן גלויבן איז א רעשט פון אמאליגן פראכטפולן בית המקדש. לויט ווי די אידישע נביאים זאגן וועט דאס בית המקדש קיינמאל מעהר ניט אויפגעבויעט ווערן.

חמישה חומשי התורה זענען ערשט פארפאסט געוואָרן אין די יאָרן 600-800 פאַר קריסטוסן אנשטאָט 1500 פאַר קר., אַן אונטערשייד פון א 700-900 יאָר.״

„פאַר דעם וואָס איך וויל אויסברענגען,״ האָט מר. בערגמאַן געשמייכלט, „מאַכט ניט אוים צי דאָס חומש איז געשריבן געוואָרן 1500 פ. קר. אָדער בלויז א הונדערט יאָר פ. קר. איך בין דאריבער גאַנץ ווילִיג אָנצונעמען אייער דאַטום. אָבער דאָס וועט אייך גאָרניט העלפן. איך וועל אייך בעטן מר. שאַרפשטיין איר זאָלט לעזן פון ויקרא 26: 33, 36, 37, און 44: און אויך פון דברים 28: 25.״

„מיט פאַרגעניגן,״ האָט מר. שאַרפשטיין געענטפערט. ער האָט אויפגעמאַכט זיין ביבל און האָט געלעזן מיט א קלאָרער און שטאַרקער שטימע: ,איך (גאָט) וועל אייך צעוואַרפן צווישן די גוים, און איך וועל נאָך אייך לאָזן אויסשטרעקן א שווערט: און אייער לאַנד וועט וויסט ווערן, און אייערע שטעט וועלן חורב ווערן. . . . און אויף די פון אייך וואָס וועלן איבערבלייבן וועל איך אַריינגעבן א מורא אין אייערע הערצער אין דעם לאַנד פון אייערע שונאים . . . און איר וועט ניט האָבן די קראַפט צו שטעהן פאַר אייערע שונאים . . . און דאָך, און טראָץ דעם אַלעמען, ווען זיי (די אידן) וועלן זיין אין לאַנד פון זייערע שונאים, וועל איך זיי ניט אָפּוואַרפן, אָדער זיי פאַרהאַסן אז זיי זאָלן אין גאַנצן פאַרניכטעט ווערן. . . . גאָט וועט דיך לאָזן געשלאָגן ווערן פון דיינע שונאים: דו וועסט קעגן זיי אַרויסגעהן אויף איין וועג און וועסט אַנטלויפן פון זיי אויף זיבן וועגן: און דו וועסט אוועקגענומען ווערן צו אַלע מלוכות פון דער וועלט.״

„איך דאַנק אייך, מר. שאַרפשטיין. דידאָזיגע פסוקים זענען בלויז א ביישפּיל פון פילע ענלעכע פסוקים. לעזט אויך די פאָלגענדע, ווייל זיי זענען וויכטיג און באַלערנד: ירמיהו 15: 4; 16: 13; 9: 13, 16; 24: 9, 10; 15: 7 יחזקאל 5: 10; 7: 19; 12: 15 עמוס 9: 4, 9 ירמיהו 8: 3 הושע 9: 17 ישעיה 6: 10-12 ירמיהו 31: 10; 46, 27, 28.

„דאָ האָט איר א ביישפּיל אז וואָס מעהר צייט עס געהט אוועק אַלץ מערקווירדיגער איז די דערפילונג. עס איז באַגרייפליך אז א פאָלק זאָל זיך אויסמישן מיט אַן אַנדער פאָלק א עטלעכע הונדערט יאָר און דאָך ניט אַסימילירן זיך, אָבער ווען א פאָלק איז אויסגעמישט מיט אַנדערע פעלקער א צוויי טויזנט פינף הונדערט יאָר און איז נאָך אַלץ ניט אַסימילירט, ווי ערקלערט איר אַזא ערשיינונג? אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער וועלט איז ניט געשעהן קיין גלייכן דערצו. פילע אַנדערע פעלקער זענען דערווייל אויפגעקומען אָבער מיט דער צייט זענען זיי אין גאַנצן צוזאַמענגעשמעלצט געוואָרן מיט די אַנדערע פעלקער. אַלס ביישפּיל נעמט אונזער לאַנד — די פאַראייניגטע שטאַטן. מיליאָנען אימיגראַנטן זענען אהער אָנגעקומען פון אַנדערע פעלקער. פאַר א צייט האָבן זיי אָנגעהאַלטן זייער נאַציאָנאַליטעט, אָבער דערנאָך האָבן זיי עס פאַרלוירן.

„אַנדערש אָבער איז עס מיט די אידן. זיי געפינען זיך צווישן אַלע פעלקער, ווי עס איז פראָפעציייעט געוועזן, אָבער זיי זענען ניט אַסימילירט. עס איז פשוט צום באַוואונדערן. דער איד פאַרמאָגט נאָך אַלץ

דיזעלביגע כאַראַקטעריסטישע שטריכן ווי מיט הונדערטער יאָרן צוריק. דער איד האָט באַוויזן אויפצוטון דאָס וואָס קיין אַנדער פאָלק האָט ניט געטון — ער האָט בייגעקומען אַלץ געזעלשאַפטלעכע מנהגים, אַלע פאַרפאָלגונגען, אַלע אומשטענדן וואָס וואָלטן זיי געטריבן צו אסימילאַציע מיט אַנדערע פעלקער. די בני ישראל אונטערשיידן זיך נאָך אַלץ פון זייער אַרומיגע פעלקער מיט זייער רעליגיע, מיט זייערע מנהגים און מיט זייער פיזיאָנאָמיע ניט ווייניגער ווי דריי טויזנט יאָר צוריק. ווי ערקלערט איר עס?“

„דאָס בלוט פון אידישן פאָלק,“ האָט מר. שאַרפשטיין געזאָגט, „איז פאָלקאָם ריין און דאָס איז דערפאַר וואָס מע האָט זיי פאַרבאָטן צו הייראַטן מיט אַנדערע פעלקער. אָט דערפאַר זענען פאַראייביגט זייערע ראַסן־שטריכן.“

„אמת, מע האָט זיי פאַרבאָטן צו הייראַטן אַנדערע מיט פעלקער,“ האָט מר. בערגמאַן געענטפערט, „אָבער אייער ערקלערונג אַנשטאָט צו ערקלערן מאַכט עס די פּראָבלעם נאָך שווערער: פון וואַנען האָט משה געוואוסט אַז דאָס אידיש פאָלק וועלן פאָלגן גאָט׳ס פאַרבאָט טויזנטער יאָרן לאַנג?

„דאָ האָט איר אַ נבואה וועלכע איטלעכע נאַציאָן האָט אַ חלק אין דערפילן, ווייל עס איז ניטאָ איין פאָלק אויף דער וועלט אונטער וועלכע די אידן האָבן ניט געוואוינט און פון וועלכע דער איד איז ניט אונטערדריקט געוואָרן, אַזוי ווי דער נביא האָט פאָראויסגעזאָגט. קענט איר אָנצייגן אויף פילע נאַציאָנען וועלכע האָבן מקבל געווען די אידן מיט אָפענע אָרעמס? ווען איר וואָלט געקענט אויסרעכענען אפילו זעקס אַזעלכע פעלקער וואָלטן אָפּיקורסים טריומפירט קעגן דער ביבל. עס איז אַ מערקווירדיגער פאַקט אַז אידן זענען געווען אונטערדריקט פון אַלע פעלקער, און זיי זענען דאָס איינציג פאָלק אין דער געשיכטע וואָס איז אַזוי אונטערדריקט געוואָרן.

„נאָך אַ מערקווירדיגער פאַקט איז אַז די זעלביגע הייליגע שריפט וועלכע זאָגן צו אַזאַ טראַגישן שיקזאַל פאַרן אידישן פאָלק זענען פון זעלביגן פאָלק אָפגעהיט געוואָרן ווי אַ גרויסער אוצר און געגעבן געוואָרן צו דער גאַנצער וועלט, אַנשטאָט אַזעלכע שריפט צו פאַרניכטן. קיין אַנדער פאָלק האָט ניט געהאַנדלט אַזוי געטריי צום אמת.

„טריי צו משה׳ס נבואה, זענען דאָס אידיש פאָלק ממש „אויסגעריסן“ געוואָרן אוים זייער לאַנד. זעה דברים 21: 25, 28. וועגן לאַנד האָט גאָט געזאָגט, „איך וועל דאָס לאַנד וויסט מאַכן: און אייערע שונאים וואָס וואוינען דאָרט וועלן ערשטוינט ווערן דערפון.“ ויקרא 26: 32.

„מערקט אַז כאָטש דאָס לאַנד וועט פון די אידן אַוועקגענומען ווערן, און זיי וועלן פאַרטריבן ווערן צו אַלע טיילן פון דער וועלט, און פאַלעסטינע וועט חורב ווערן, דאָך וועלן זייערע שונאים „וואוינען דאַרין.“ קען מען זיך פאָרשטעלן אַ נבואה וואָס זאָל זיין אוממעגלעכער דערפילט צו ווערן ווי דיזע?



א מאָדערנע אידישע קאָלאָניע אין ירושלים.

„דיען סטענלי אין זיין בוך „סיריע און פאלעסטינע" זייטע 117, זאגט אז „פאלעסטינע מעהר ווי אלע אנדערע לענדער פון דער וועלט איז א לאנד פון רואינעס." איז עס ניט מאָדנע אַז אַ לאַנד פול מיט רואינעס זאָל דאָך באוואוינט ווערן, און אז דיזע רואינעס זענען נאָך ביז איצט ניט באזייטיגט געוואָרן? אבער דער נביא האט עס אלץ פאראויסגעזעהן, און מיר היינט זענען געצוואונגען צוצוגעבן אז די נבואה איז אקוראט ערפילט געוואָרן.

„כאָטש פאלעסטינע איז א לאנד פון רואינעס, און איר אייגן פאָלק איז פארטריבן געוואָרן, דאָך האט דער נביא געזאָגט אז דאס לאנד וועט הויפטזעכליך זיין א לאנד פון פילגרימס, ווייל משה רעדט וועגן „די פרעמדע וואס וועלן קומען פון א ווייטן לאנד." דברים 21: 22. איז דאס ניט אמת היינט צו טאָג? איז דען פאראן נאָך א לאנד אויף דער וועלט צו וועלכן עס קומען אזוי פילע פילגרימס? געוויס ניט. איבער פופציג שפראכן ווערן גערעדט אין ירושלים גופא.

„איך וועל ... נאָך אייך לאָזן אויסשטרעקן א שווערט," זאגט גאָט, רעדנדיג וועגן דאס אידיש פאָלק. (זעה ויקרא 26: 33.) די געשיכטע פון אידישן פאָלק איז א לאנגער, בלוטיגער קאמענטאר אז דיזע נבואה איז אויך פינקטליך דערפילט געוואָרן. צוויי מיליאָן אידן זענען אָדער דער־הרגעט געוואָרן, אָדער געשטאָרבן פון הונגער, אָדער פארקויפט געוואָרן צו שוידערלעכער שקלאפעריי אין יאָר 70 נאָך קריסטוסן. איבער נאָך א האלבן מיליאָן אידן זענען אויסגעשאָכטן געוואָרן פון די רוימער א זעכציג יאָר שפעטער. די געשיכטע פון אידישן פאָלק איז די געשיכטע פון א פאָלק וואס האט געבלוטעט ניינצן הונדערט יאָר — די שווערט איז באמת געווען אויסגעשטרעקט אויף זיי.

„לאָמיר הערן וואס עס זאגט וועגן דעם דער היסטאָריקער מילמאן: „וואו נאָר א פאנאטישער מאָנאך האט אויפגערודערט די באפעלקערונג, וואו נאָר א קאטאסטראָפע האט געשעהן, אָדער א שרעקלעכער בולבול איז פארשפרייט געוואָרן, איז דאס אלץ אויסגעפאלען אויף די קעפ פון דיזן אומגליקלעכן פאָלק. ווען אין דייטשלאנד האט אויסגעבראָכן די שווארצע מגפה, האט מען די אידן באשולדיגט דארין. ...

אזעלכע שרעקלעכע בלבולים האט מען פלייסיג פארשפרייט און גע־גלויבט און זיך נוקם געווען, אז אידן האבן וואסער־קוואלן פארגיפטעט, קינדער געקרייציגט. האט מע זיי פארפאָלגט אין איין שטאט זענען זיי אנטלאָפן צו א צווייטער און האבן זיך אזוי אויסגעשפרייט איבערן גאנ־צן לאנד. אונטערדריקט פון הויכע קלאסן, פארשאָלטן פון די קלערי־קאלן, פארהאסט אלס קאָנקורענטן אין ביזנעס, און פאראכט פון דער גאנצער באפעלקערונג, איז די כראָניקע פון אידישן פאָלק א כראָניקע ... פון פאָגראָמען." ציטירט אוים דער „געשיכטע פון די אידן," טאָם 3, זייטן 222, 223.

„אבער טראָץ דעם וואס זיי זענען פארטריבן געוואָרן אין גלות, אָהן אן אייגענער רעגירונג, אָהן א הערשער, צעוואָרפן איבער דער גאנצער וועלט, איז דער איד נאָך אלץ דאָ. „טויזנטער אידן זענען אומגעקומען

אין די פּאָגראָמען, אָבער אַנדערע האָבן פאַרנומען זייער אָרט, און די אידן ערשיינען אין אַלע דורות און אין אַלע לענדער. זייער דויערהאַפטיגקייט, זייער אומשטאַרבלעכקייט אַלס פאָלק, איז די גרעסטע רעטעניש פאַר סאָציאָלאָגן, און די רעליגיעזע מענשן קענען זיך גאָרניט אָפּוואונדערן דערפון.״ ציטירט פון זעלבן ווערק, טאָם 2, זייטן 298, 299.

„אַז דאָס אידיש פאָלק, וואָס איז קיינמאָל ניט צאָלרייך אָדער מעכטיג געווען אין פאַרגלייך מיט די גרויסע מלוכות פון יענע צייטן, און איז דערנאָך באַזיגט געוואָרן און פאַרטריבן געוואָרן פון זייער לאַנד — אַז דאָס פאָלק האָט געקענט אויסשטעהן נייגצן הונדערט יאָר פאַרפאָלגונג און דאָך אָנהאַלטן זיין אינדיווידואַליטעט אַלס ראַסע, דאָס איז איינער פון די גרויסע רעטענישן אין דער געשיכטע פון פעלקער.

„און ניט קיין קליינערע רעטעניש איז אַז דאָס אַלץ איז פּראָפעצייעט געוואָרן ווענינסטנס צוויי טויזנט פינף הונדערט יאָר צוריק, לויט די סקעפּטיקער, און לויט מיין מיינונג, דריי טויזנט פיר הונדערט יאָר צוריק. ווי אַזוי האָבן משה, יחזקאל און ירמיהו געוואוסט אַלע דיזע טויזנטער יאָרן איידער זיי האָבן געשעהן? ווער אימיצער דאָ וואַגן זאָגן אַז דיזע נביאים האָבן אַ טועת געמאַכט אין זייערע נבואות וועגן די אידן?

„שטעלט אייך פאָר אַז די אידן וואָלטן אין גאַנצן פאַרשווינדן, ווי די עמלקים, די פּלשטים, מואָב, אָדער אשור, בבל, אָדער די רוימער אָדער די אַנדערע דאַמאָלסדיגע פעלקער. אָדער אַז זיי וואָלטן זיך אסימילירט מיט די אַרומיגע פעלקער, אָדער וואָלטן נאָך אַלץ געהאַט זייער אייגן לאַנד ווי די פּערסיער — ווי שנעל וואָלטן דאַן די סקעפּטיקער אויסגענוצט די געלעגנהייט און אָנגעוויזן אַז דיזע נבואות זענען פאַלש!

„דורך אַלע דורות וואָס דער איד האָט אָנגעהאַלטן זיין עקזיסטענץ זענען אַלץ מעהר און מעהר באַשטעטיגט געוואָרן דידאָזיגע נבואות. דיזע פּראָפעצייאונגען זענען קלאָר, פּינקטליך, און זייער דערפילונג איז אקוראַט און פּאָלקאָם.״

קאפיטל 8

סקעפטיקער געצוואונגען צו זאגן עדות פאר דער ביבל

איינינע אפלאריסמענטן האבן באגריסט דוד בערגמאנ'ס ארויפקומען אויף דער בימה צו דער נעקסטער לעקטשור. ער האט אלעמען שמייכלדיג באגריסט און האט גלייך גענומען ריידן:

„באטראכט דאס מעכטיגע בבל אויפן שפיץ פון איר פראכט. בבל איז געווען א שטאט וואס האט אויסגעזעהן אז זי וועט שטעהן אייביג. די „גאלדענע שטאט“ איז געווארן אלץ מעכטיגער און מעכטיגער ביז זי איז געווארן דער וואונדער פון דער אמאליגער וועלט. זי האט גארניט גערדארפט קויפן פון אנדערע לענדער. זי האט ערפינען דעם א"ב, זי האט געמאכט פראגרעס אין די מאטעמאטישע וויסנשאפטן, זי האט ערפינען אינסטרומענטן צו מעסטן די צייט; זי האט אויסגעקלערט ווי אזוי צו בויען קאלאסאלע געביידעס מיט דעם ביליגסטן מאטעריאל—לעם; האט אנטדעקט די קונסט צו פאלירן, בויערן, און גראווירן טייערע שטיינער; זי האט געוואסט ווי צו סקיצירן אקוראט דעם קאנטור פון מענשן און חיות, זיי האבן שטארק אנטוויקלט די וועבעריי פאבריקאציע, זיי האבן שטודירט אסטראנאמיע, זיי האבן גראמאטיקע געשטעלט אויף א וויסנשאפטלעכן באדן, זיי האבן אנטוויקלט יוריספרודענץ, און האבן געוואוסט דעם ווערט פון פינקטלעכער כראנאלאגיע. זיי האבן געלעגט דעם פאונדאמענט פון כמעט יעדער וויסנשאפט. א היבשער טייל פון דער קונסט און וויסנשאפט פון די גרעקן האט געשטאמט פון בבל.

„די שטאט בבל האט ניט געהאט איר גלייכן אין דער געשיכטע פון דער וועלט. אירע מויערן זענען געווען צוויי הונדערט פוס די הויך און אזוי דיק אז עטליכע וואגנס האבן געקענט פארן איבער זיי זייט ביי זייט. און העכער פון דיזע וועגט האבן קעגן דער זון געשיינט פאלאצן און טעמפלס אזוי ווי הימל־קראצער, וועלכע דער רייזנדער האט געקענט זעהן און באוואונדערן פאר מיילן ווייט. די שטאט האט געהאט איר פראכטפולן טעמפל פון בבל, און די וועלט־בארימטע לופט־גארטענס וואס האבן זיך געהויבן איינער איבערן אנדערן אזוי ווי טעראסן.

„בבל איז ניט נאר געווען די הערשערין איבער דער וועלט, נאר זי איז געלעגן אין סאמע מיטן פון פרוכטבארסטן לאנד וואס די וועלט האט ווען פארמאגט. דאס לאנד איז געווען אזוי פרוכטבאר אז דער היסטאריקער הערדאטוס האט מורא געהאט מע וועט אים רופן א ליגנער ווען ער זאל באשריבן אירע אומגעהייערע פרוכטבארקייט וואס ער זעלבסט האט געזעהן מיט זיינע אויגן.“ מר. בערגמאן האט זיך אפגעשטעלט ווייל מר. שארפשטיין האט זיך אויפגעשטעלט צו ריידן.

„יעדער ווייסט דיזע פאקטן וועגן בבל,“ האט ער געזאגט. „מיר זענען

ניט אהער געקומען צו הערן אַ לעקטשור וועגן בבל׳ס גרויסקייט (כאָטש עס איז אפשר באַלערנד) נאָר באַווייזן אַז אַטעיזם און אומגלויבן זענען נאַריש און גרונטלאָז.“

„מיך פרעהט וואָס איר גיט צו אָט דיזע פאַקטן,“ האָט דער לעקטשורער ווייטער געשמייכלט. „און דיזע פאַקטן האָבן זעהר אַ נאָהענטן שייכות צו מיין טעמע, ווייל נאָך איידער בבל איז געוואָרן די הערשערין פון דער וועלט, האָט שוין אַ אידישער נביא אָנגעשריבן אַ נבואה און אָפן ערקלערט אַז „בבל, די פּראַכט פון קעניגרייכן, די שענהייט פון כשדים׳ס שטאָלץ, וועט ווערן אַזוי ווי ווען גאָט האָט אומגעוואָרפן סדום ועמורה.“ ישעיה 13: 19.

„דאָס זענען זעהר איינפאַכע ווערטער, אָבער זיי צעשטערן אייער אַרגומענט אַז די ביבלישע נבואות זענען צוויי־דייטיג און מע קען זיי אויסטייטשן ווי מע וויל, ווערליג די אומשטענדן, אַזוי אַז די דערפילונג זאָל פאַסן דער נבואה. עס איז ווי דער נביא וואָלט געזאָגט:

„איך זעה דאָס גרויסקייט פון בבל, איך מערק אירע אומבאַזיגבאַרע פעסטונגען. איך ווייס אַז זי איז מעכטיג און שטאַרק, די גרעסטע שטאָט וואָס די וועלט האָט ווען געזעהן. אָבער אָט די אומאַזיגבאַרע שטאָט וועט פונקט אַזוי פאַרשווינדן ווי סדום ועמורה.“

„אַלס איר באַטראַכט די היסטאָריע פון בבל ווי זי איז אונס היינט באַקאַנט, קען אימיצער קלאָרער אויסדריקן אין ווערטער דעם איצטיגן צושטאַנד פון דער אַמאָליגער הערשערין פון דער וועלט? אָבער גאָט האָט געזעהן אייך, מר. שאַרפשטיין, און אַלע אַנדערע היינטיגע אומגלויביגע, און ער האָט דעם נביא געהייסן אויסדריקן זיין נבואה אַזוי קלאָר אַז איר זאָלט דעם נביא קיינמאָל ניט קענען באַשולדיגן אין צוויי־דייטיגע נבואות. דערפאַר זאָגט דער נביא ווייטער (פסוק 20) „זי וועט קיינמאָל ניט באַוואוינט ווערן.“ און טאָמער וועט אימיצער פאָרט זאָגן אַז דער נביא האָט געמיינט עפּעס אַנדערש, זאָגט דער נביא ווייטער: „און זי וועט אויך ניט באַוואוינט ווערן אויף אייביגע דורות, און דער אַראַבער וועט דאָרט ניט אויפשטעלן זיין געצעלט, און פאַסטוכער וועלן זייערע סטאַדעס דאָרט ניט לאָזן זיך אוועקלעגן.“

„נו, ווער קען זאָגן אַז דיזע ווערטער זענען צוויי־דייטיג? איז דאָ פאַראַן אימיצער וועלכער פאַרשטעהט ניט דיזע ווערטער? נאָך מעהר. כאָטש די ווערטער זענען קלאָר, זענען דיזע נבואות אַזוי פאַנטאַסטיש־דרייסט אַז די מערסטע לעזער וואָלטן באַשלאָסן אַז דער נביא איז אָדער פאַרריקט אָדער ער האָט אַ טעות געמאַכט. קומט ירמיהו הנביא און באַשטעטיגט ישעיה׳ס ווערטער, און די באַדייטונג פון זייערע ווערטער איז אַזוי קלאָר אַז קיינער קען זיי ניט פאַלש אויסטייטשן.

„דו בבל, וועסט וויסט זיין אויף אייביג.“ ירמיהו 51: 26. „בבל וועט ווערן הויפנס (חורבעס), דאָס וואוין־אָרט פאַר שאַקאַלן, אַ דערשטוינונג, און אַ צישן, אָהן אַ איינוואוינער.“ פסוק 37.“

מר. שאַרפשטיין האָט אַ צייכן געגעבן אַז ער וויל עפּעס זאָגן.

„געוואָרנט זיין הייסט צוגעגרייט זיין,“ האָט ער געזאָגט. „נאָך אַזעלכע

קלאָרע וואָרנונגען וועגן קומענדיגן חורבן, וואָלטן זיך די איינוואוינער גע־ווים צוגעגרייט, אויב זיי וואָלטן געוואוסט וועגן דיזע נבואות."

„יאָ, די איינוואוינער פון בבל וואָלטן אפשר פּרובירט מיט אַלע זייערע כחות אויסמיידן אַזאַ שרעקלעכן שיקזאַל, אָבער עס וואָלט זיי גאָרניט געהאָלפן, ווייל, ווי דער נביא זאָגט, „אפילו בבל וואָלט זיך דערהויבן ביזן הימל, און אפילו זי וואָלט באַפעסטיגט אירע מעכטיגע טורעמס, וועלן דאָך פון מיר אַרויסקומען אירע צעשטערער, זאָגט יהוה." ירמיהו 51: 53.

„איז בבל היינט באַוואוינט? לעבט דאָרט היינט אפילו איין און איינ־ציגער מענש? ווער קען לייקענען אַז דיזע נבואות זענען דערפילט גע־וואָרן? און איצט, מר. שאַרפשטיין, איך פרעג אייך דירעקט: זענען דיזע נבואות אמת? זענען זיי דערפילט געוואָרן?"

„נו, פּאַפּאַ, ענטפער," האָט דבורהלע אים געבעטן. און גלייך האָט זי א שושקע געטון צו יאָסעלען:

„כ'האָב מורא אַז פּאַפּאַ האָט ניט וואָס צו ענטפערן."

„עס זעהט אויס אַזוי," האָט יאָסעלע צוגעגעבן.

„וועט איר וואגן זאָגן אַז דיזע נבואות זענען פאַלשע,, מר. שאַרפשטיין?" האָט מר. בערגמאַן ווידער געפרעגט.

„געוויס ווייסט יעדער סקול־אינגל אַז בבל איז וויסט און אומבאַוואוינט שוין פילע הונדערטער יאָרן," האָט מר. שאַרפשטיין געענטפערט. אָבער מר. בערגמאַן, ווי אַזוי זענען מיר זיכער אַז דיזע נבואות זענען ניט גע־שריבן געוואָרן ערשט נאָך דעם ווי בבל איז חורב געוואָרן, און דער דאַ־טום איז צוגעפיקסט געוואָרן אַזוי אַז עס זאָל אויסזעהן אַז די נבואות זענען אָנגעשריבן געוואָרן הונדערטער יאָרן פריהער?" מר. שאַרפשטיין האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט בשעת צווישן דעם פּובליקום האָט זיך גע־הערט א לייכטער מורמל פון צופרידנהייט מיט דער פראַגע וואָס ער האָט געשטעלט.

„איז דיזע נבואה, לויט אייער מיינונג, אָנגעשריבן געוואָרן ערשט נאָך קריסטוס' צייט?" האָט מר. בערגמאַן געפרעגט.

„געוויס ניט," האָט מר. שאַרפשטיין געענטפערט, ווייל יעדער ווייסט אַז דיזע נבואות איז א טייל פון סעפּטואַגינט." (גריכישע איבערזעצונג פון תנ"ך.)

„ריכטיג, און דאַריבער איז דער עיקר אויסצוגעפינען ווען זענען די נבואות פון ישעיה און ירמיהו געשריבן געוואָרן. אַזוי ווי איר גיט צו אַז זיי זענען געווען אַ טייל פון סעפּטואַגינט, זענען זיי דאָך מסתמא אָנ־געשריבן געוואָרן פאַר דעם ווי די איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן. ווען איז דידאָזיגע איבערזעצונג געמאַכט געוואָרן?"

„אָ צוויי הונדערט יאָר פאַר קריסטוסן," האָט מר. שאַרפשטיין גע־ענטפערט.

„ריכטיג" האָט מר. בערגמאַן באַשטעטיגט: און פאַר אונזער דיסקוסיע וועגן בין איך צופרידן אָננעמען אָט דיזן דאַטום, דאָס יאָר 200 פ. קר., אַלס דאָס יאָר ווען דיזע נבואות וועגן בבל זענען אָנגעשריבן געוואָרן. זייט



רואינעס פון אַמאָליגן בבל. דיזע גאַס האָט געפירט צום טראָן־זאַל פון נבוכדנצר. די נביאים האָבן פאָראויסגעזאָגט בבל׳ס נידערלאַגע.

איר איינפארשטאנען אז שפעטער פון 200 פ. קר. זענען דיזע נבואות געווים ניט געשריבן געוואָרן," מר. שאַרפשטיין?"
„געווים, געווים."
„וועט אימיצער פון פובליקום וואגן באהויפטן אז דיזע נבואות זענען אָנגעשריבן שפעטער ווי דיזער דאטום?" האָט דער רעדנער געפרעגט און געוואַרט אויף אַן ענטפער. קיינער האָט ניט געענטפערט. „אייער שווייגן הייסט אַז איר זייט אַלע מסכים אז דיזע נבואות האָט מען בשום אופן ניט אָנגעשריבן שפעטער ווי דאָס יאָר 200 פ. קר. ריכטיג?" ער האָט ווי־דער געוואַרט אויף אַן ענטפער און דאָס פובליקום האָבן צוגעשטימט דערצו.
„זענען מיר אַלע אייניג וועגן צוויי פונקטן: ערשטנס, אַז די נבואות זענען אמת, און צווייטנס, אַז זיי זענען אָנגעשריבן געוואָרן וויינינגסטנס 200 פ. קר."
מר. שאַרפשטיין האָט דאַן באַמערקט: „אויב איר גיט צו, מר. בערג־מאַן, אַז די נבואות וועלכע איר האָט ציטירט זענען ניט אָנגעשריבן גע־וואָרן פאַרן יאָר 200 פ. קר. האָט איר און אייער זאַך געליטן אַ פאַלקאָ־מענע מפּלה."
דוד בערגמאַן האָט געשמייכלט. „פאַרקערט, די לאַגע פון די אפּיקורסים איז דערמיט אַ פאַרצווייפלטע."
„ווי אַזוי?"
„ווייל עס איז אַן ערשטוינענדער פאַקט אַז דיזע נבואות זענען ניט פאָל־קאָם דערפילט געוואָרן ערשט (און דאָס געבן צו די פאַרביטערסטע קרי־טיקער פון דער ביבל) ביז עטלעכע הונדערט יאָר נאָך דעם ישו הנוצרי איז געקרייציגט געוואָרן."
אויסדריקע פון ערשטוינונג האָבן זיך געהערט איבערן זאַל. יאָסעלע האָט אַ איבערראַשטער געקוקט אויף זיין שוועסטערל. זי האָט געשמיי־כלט אַ צופרידענע, ווייל זי האָט דערשמעקט אַז דאָ וועט פאָרקומען אַ היציגע דעבאַטע. מרס. שאַרפשטיין האָט אויסגעזעהן ווי דערקוטשעט. מר. שאַרפשטיין האָט געשיינט צו זיין ערשטוינט. דאָס פובליקום האָט נייגעריג אויף עפּעס געוואַרט.
„וועל, זיין אַרגומענט שיינט צו זיין אומבאַשטרייטבאַר," האָט דבורעלה געשושקעט צו יאָסעלען.
„וואַרט, פאַפּאַ איז נאָך ניט פאַרטיג מיט אים."
„איך האָף אַזוי."
„אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ," האָט מר. בערגמאַן פאָרטגעזעצט. „ניט נאָר האָבן די נביאים פאָראויסגעזאָגט דעם אונטערגאַנג פון בבל, נאָר זיי האָבן אויך געשילדערט בבל ווי עס איז היינט צו טאָג, וועניגסטנס צוויי מויזנט יאָר נאָך דעם ווי זיי האָבן דיזע נבואות געמאַכט. לעזט פאָר־זיכטיג די פאָלגענדע פסוקים: ישעיה קאַפּיטל 13: ישעיה 14: 4־24: 21: 1־10; 47: 1־11: ירמיהו 25: 12־14: און ירמיהו קאַפּיטלאַך 50 און 51. אין דיזע שריפטן זענען פאַראַן גענוג נבואות צו מאַכן פון זיי אַ גאַנצן ביך. דענקט אימיצער פון פובליקום אַז דיזע נבואות זענען ניט קלאָר?

אויב אַזוי הויבט אויף אייער האַנט.“

קיינער האָט ניט אויפגעהויבן די האַנט.

„און איצט די פון אייך וועלכע דענקען אַז דיזע נבואות זענען קלאָר און באַשטימט, הויבט אויף אייער האַנט.“

דיזן מאָל האָבן פילע הענט זיך אויפגעהויבן. „עס שיינט צו זיין כמעט איינשטימיג,“ האָט ער באַמערקט.

„אַזוי ווי אַלע זענען איינשטימיג אַז דיזע נבואות זענען דערפילט געוואָרן הונדערטער יאָרן נאָך דעם ווי זיי זענען אָנגעשריבן געוואָרן, וועט דאָך קיינער ניט מעהר באַהויפּטן אַז דיזע נבואות זענען אָנגעשריבן געוואָרן נאָך דעם ווי זיי זענען דערפילט געוואָרן. דער וואָס וויל עס אָבער פאָרט באַהויפּטן הויבט אויף אייער רעכטע האַנט.“ מר. בערגמאַן האָט געוואַרט אַ ווײלע. קיין האַנט האָט זיך ניט געזעהן.

„אָל ראַיט. כדי עס זאָל קלאָר זיין וועל איך נעמען נאָך אַ וואוט. די וועלכע זענען איינשטימיג ניט נאָר אַז די נבואות זענען קלאָר און באַשטימט, נאָר אַז זיי זענען אָנגעשריבן געוואָרן פאַר די דערפילונגען, הויבט אויף אייער רעכטע האַנט.“ א ים הענט האָבן דאָס מאָל זיך אויפגעהויבן.

דבורהלע און יאָסעלע האָבן באַקוקט דעם עולם און דערנאָך איינער אויפן אַנדערן, און האָבן געשמייכלט.

„עס שיינט אַז מר. בערגמאַן געווינט דעם ערשטן וועט,“ האָט דבורהלע געזאָגט.

מר. שאַרפשטיין האָט אויסגעזעהן באַזאָרגט. „דאָס איז צום ערשטן מאָל וואָס איך זעה פּאַפּאַ אַזוי באַזאָרגט“ האָט יאָסעלע געענטפערט. דאַן האָט ער זיך געווענדעט צו זיין פאָטער און געפרעגט:

„זענען די פאַרזאַמלטע צום מעהרסטן גלויביגע, פּאַפּאַ?“

„ניין“ האָט מר. שאַרפשטיין געענטפערט, קנייטשנדיג זיינע ברעמען, „און דערפאַר פאַרשטעה איך ניט ווי זיי וואָוטן. איך קען פילע פון די פאַרזאַמלטע אָון זיי זענען פּונקט אַזוי סקעפּטיש געשטימט ווי איך, און דאָך האָבן זיי געוואוט איינשטימיג.“

„וואָלסטו, פּאַפּאַ, געקענט וואוטן אַנדערש?“ האָט יאָסעלע געפרעגט.

„ניין. אָבער איך בין נאָך ניט פאַרטיג מיט אים. עס זענען —“ ער האָט ניט געענדיגט, ווייל מר. בערגמאַן האָט גענומען ווייטער רעדן.

„אַזוי ווי איר זייט אַלע איינפאַרשטאַנען מיט די פאַקטן וואָס איך האָב דערמאָנט, טאָ ווי ערקלערט איר, מר. שאַרפשטיין, זייער מערקווירדיגע ערפילונג?“

„יענע נביאים זענען געווען זעהר פרומע מענשן,“ האָט מר. שאַרפשטיין געענטפערט, „וועלכע האָבן צוגעזעהן די זינדיגקייט פון גרויסע שטעט, און פאַר זיי איז בבל געווען די פאַרקערפּערונג פון זינד: און ווייל זיי האָבן געגלויבט אַז גאָט איז מעכטיגער ווי די שטעט, האָבן זיי געגלויבט אַז ער וועט זיי צעשטערן. זיי האָבן דאָס אַזוי שטאַרק געגלויבט און געהאָפט, אַז זיי האָבן באמת פראָפעצייעט אַז אַזוי וועט געשעהן, אָבער ניט ווייל זיי האָבן פאַרמאָגט עפּעס אַן איבערנאַטירלעכע קראַפט פאָראויסצוזעהן די צוקונפט.“

דבורהלע האָט צו איר פאָטער א וואונק געגעבן אַלס ער האָט זיך אוועקגעזעצט. „נאָט סאָ בעד, דער," האָט זי א שושקע געטון."

„קלוגע ווערטער, און אָנפאַנגס קלינגען זיי גאַנץ שכלדיג," האָט מר. בערגמאַן געשמייכלט. „אָבער לאָמיר באַטראַכטן איי‌ניגע פאַקטן. אויב מיר נעמען אָן אַז דיזע נבואות זענען אָנגעשרי‌בן געוואָרן אום יאָר 200 פ. קר., איז רוים שוין דאַמאָלס אַלט געווען צוויי מאָל אַזוי פיל ווי ניו יאָרק איז היינט, און רוים איז דאַן געווען מעכטיגער ווי בבל. אָבער די נביאים האָבן קיינמאָל ניט פּראָפּעצייעט אַז די שטאָט רוים וועט פאַרשווינדן. זי עקזיסטירט נאָך אַלץ נאָך 2,600 יאָר. דאָך האָבן יענע „פרומע נביאים" געהאַט ניט וויי‌ניגער אורזאַכן צו ווינשן און האָפן אויף דער מפלה פון רוים ווי אויף דער מפלה פון בבל.

„מר. שאַרפשטיין האָט שוין כמעט צוגעגעבן אַז גאָט האָט די נביאים באַגייסטערט. ער זאָגט אַז זיי זענען געווען זעהר פרומע מענשן און אַז זייער רעליגעזע התלעבות איז געווען אַזוי גרוים אַז עס האָט זיי גע־מאַכט פאַר נביאים. אָבער זייערע מערקווירדיגע נבואות קען מען ניט ערקלערן בלויז מיט רעליגיעזער התלעבות. לאָמיר זאָגן אַז די רעליגיעזע התלעבות האָט געהאָלפן ירמיהון און ישעיהן טרעפן אַז בבל וועט או‌נטער־געהן, אָבער ווי ערקלערט מען די איינצלהייטן פון זייערע נבואות?

„אַז אַזאַ לאַנד, באַוואוינט מיט די ציוויליזירטסטע בירגער פון דער וועלט, די גאָלדענע שטאָט וואָס איז געלעגן אין סאַמע מיטן פון פרוכט־באַרסטן אָרט פון דער אַמאָליגער וועלט, — אַז אַזאַ לאַנד זאָל פאַרוואַנ־דלט ווערן אין א ווילדע, וויסטע, אויסגעדאַרטע, פרוכטלאָזע און אומבאַ־וואוינטע וויסטעניש, האָט פון מענשלעכן שטאַנדפּונקט אויסגע.עהן ווי אַן אוממעגלעכע זאַך. אַזאַ קאַטאַסטראָפע האָט קיינמאָל ניט געטראָפן קיין לאַנד, אויסער בבל, ביזן היינטיגן טאָג!

„דאָס מעכטיגע בבל, די שטאָט פון בעל, די קרוי‌נשטאָט און וואונדער פון דער וועלט, האָט מלחמה געהאַלטן מיט ירושלים, א גיגאַנט קעגען א ליליפּוט, און ירושלים איז געוואָרן דער שקלאַף פון דעם גיגאַנט. אָבער מערקט: בבל און איר פאָלק זענען פאַרשווינדן ווי א חלום, ווערנט ירושלים און דאָס אידיש פאָלק זענען נאָך אַלץ דאָ. אַזעלכע פאַקטן, וואָס זענען פּראָפּעצייעט געוואָרן פון די נביאים, קען מען ניט אוועקמאַכן מיט דער האַנט און זאָגן זיי זענען דער רעזולטאַט פון רעליגיעזער התלעבות און ניט מער.

„אָהן א איינוואוינער, זאָגן די נביאים. און ווי ריכטיג, אַקוראַט ער־פילט! אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. די וויכטיגסטע שטעט פון דער וועלט ליגן מערסטנטייל אין אַזעלכע פרוכטבאַרע ערטער, אַז די איינוואוינער גלייכן דאָרט צו בלייבן. אַפילו ווען אַזעלכע שטעט ווערן צעשטערט אָדער געמינערט, בלייבן פאָרט איי‌ניגע וואוינונגען אויף דעם אָרט וואו די שטאָט פלעגט זיין. דמשק, ירושלים, אַטען, רוים, אַנטיאָך, אַלעקסאַנ־דריע, ביזאַנטיום, צידון, זענען נאָך אַלץ מעהר־וועניגער וויכטיגע שטעט כאָטש זיי זענען טויזנטער יאָרן אַלט. אָבער בבל, די גרעסטע רייכסטע און מעכטיגסטע פון זיי אַלע, איז פאַרשווינדן. ווי ערקלערט מען עס,

און ווי ערקלערט איר דאָס די נביאים האָבן עס אַלץ פאַראויסגעזאָגט אַזאַ לאַנגע צייט צוריק?" אַזוי ווי קיינער פון פּובליקום האָט ניט געענטפערט, האָט דער רעדנער פאַרטגעזעצט:

„אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. אין ישעיה 13: 20 לייענען מיר אַז ‚קיין אַראַבער וועט דאָרט ניט אויפשטעלן זיין געצעלט.' פון וואַנען האָט ישעיה הנביא געוואוסט אַז די אַראַבער וועלן אָנהאַלטן עקזיסטירן נאָך דעם ווי בבל וועט צו שטויב ווערן? ווען בבל איז געווען די הערשעריין פון דער וועלט 2500 יאָר צוריק, האָבן אייניגע אַראַבער געוואוינט אין געצעלטן ארום בבל. דער נביא האָט פאַראויסגעזאָגט אַז בבל און איר מעכטיגעם פאָלק וועלן פאַרשווינדן, און יעדער ווייס אַז היינט איז ניט פאַראַן קיין איינציגער באַבילאָניער. אָבער דער נביא האָט פאַראויסגעזאָגט אַז ווערנט די מעכטיגסטע ראַסע פון דער וועלט צוזאַמען מיט זייער מעכטיגער שטאָט בבל וועלן גענצליך פאַרניכטעט ווערן, וועט די קליינע, אומוויכטיגע, וואַנדערנדיגע ראַסע אַראַבער עקזיסטירן צוויי טויזנט יאָר, אַ לאַנגע צייט דערנאָך ווי בבל די שטאָלצע שטאָט וועט חורב ווערן און אפילו איר פּלאַץ וועט כמעט פאַרגעסן ווערן.

„פון וואַנען האָט דער נביא געוואוסט אַז די אַראַבער וועלן אויך ווייַטער וואוינען נאָהענט צו בבל? דאָס איז פּאַקטיש וואָס דער נביא זאָגט. אַזוי ווי די אַראַבער זענען אַ וואַנדערנדיגע ראַסע, וואָלט מען זיך געקענט משער זיין אַז מיט דער צייט וועלן זיי אָדער פאַרלאָזן אָט דעם אָרט וואו בבל פלעגט ליגן, אָדער אַז זיי וועלן אויך מיט דער צייט פאַרשווינדן. פון וואַנען־זשע האָט ישעיה הנביא געוואוסט אַז זיי וועלן איבערבלייבן נאָהענט צו די רואינעס פון בבל צוויי טויזנט יאָר, און אַז זיי וועלן דאָרט זיין נאָך אפילו היינט צו טאָג? שטעלט אייך פאָר ווי אפּיקורסים וואָלטן זיך אויסגעלאַכט פון די נביאים ווען עס וואָלט זיך היינט ניט געפינען קיין אַראַבער אַ טויזנט מייל פון אַמאָליגן בבל! און ווי וואָלטן זיי זיך געפרעהט ווען די אַראַבער וואָלטן פאַרשווינדן פאַר דעם ווי בבל איז אומגעקומען!

„פון וואַנען האָט ישעיה געוואוסט אַז די אַראַבער וועלן אויך אין דער צוקונפט וואוינען אין געצעלטן! אויף די רואינעס פון בבל איז געווען געגנוג בוי־מאַטעריאַל צו בויען פילע דערפער, און אַלץ וואָס איז נויטיג געווען איז טראַנספּאָרטירן אָט דעם מאַטעריאַל צו בעסערע ערטער. אָבער אַראַבער וואוינען ביז היינט צו טאָג אין געצעלטן. און זיי זענען דאָס איינציגע פאָלק אין דער געשיכטע וועלכע ערפילן דיזע מאָדנע נבואה.

„און פון וואַנען האָט ישעיה הנביא געוואוסט אַז די אַראַבער וועלן ניט וועלן וואוינען אין די רואינעס פון בבל? פילע פאָרשער און אַרכעאָלאָגן פון אונזער צייט זאָגן אַז עס איז אוממעגליך איינצורעדן אַן אַראַבער ער זאָל אויף די רואינעס פון בבל בלייבן איבערנאַכט. קאַפּיטאַן מיניאַן האָט געהאַט מיט זיך זעקס באַוואָפנטע אַראַבער, אָבער, ‚ער האָט זיי ניט געקענט איינרעדן דאָרט איבערנעכטיגן, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט פאַר שדים. און עס איז אוממעגליך אַוועקנעמען פון זיי אָט דיזן געדאַנק.'

ציטירט פון בוך ,טרעוולס׳ (רייזעס), זייטע 235. און דאָך, ווי אַלע ווייסן, זענען די אַראַבער געפערלעכע און העלדישע מלחמה־מענשן.״

מר. שאַרפשטיין האָט זיך דאָ אַריינגעמישט. „איר מאַכט אַ גאַנץ וועזן פון אָט דער קליינינקער נבואה וועגן די אַראַבער. איניגע פון אייערע סטייטמענטס קענען אויך שייך זיין צו ציגיינער. זיי זענען אַ וואַנדערנ־דער שבט און וואוינען אין געצעלטן.״

„די נבואה וועגן די אַראַבער,״ האָט מר. בערגמאַן ערקלערט, „איז אַזוי אַקוראַט אַז ניט אַפילו איר, מר. שאַרפשטיין, קענט אַפּלייקענען די פּינקטלעכע ערפילונג. און טאַקע דערפאַר וואָס די דערפילונג איז אַזוי פּינקטליך ברענגען סקעפּטיקער אַריין די ציגיינער כדי אָפּצושוואַכן אָט די נבואה.

„אָבער די ציגיינער זענען ניט שייך צו אָט דער נבואה. ערשטנס האָבן ציגיינער ניט געקומען עקזיסטירן ביז לאַנג נאָך ישעיה הנביא׳ס צייט. און צווייטנס, ציגיינער וואַנדערן דוקא איבעראַל. זיי זענען ניט פאַר־בליבן, ווי די אַראַבער, ווערנט הונדערטער יאָרן נאָהענט די רואינעס פון די פּאַרצייטיגע שטעט. אַלזאָ, ווען אַפילו די ציגיינער וואָלטן געלעבט אין ישעיה׳ס צייט וואָלט דיזע נבואה ניט אמת געווען וועגן זיי. עס איז אַלזאָ אַ פאַקט אַז די נבואה וועגן די אַראַבער איז אויסערגעוויינטליך אין יעדער איינצעלהייט, און וואָס אַ טאָג געהט אַוועק אַלץ איבערצייג־נדער ווערט די ערפילונג.״

מר. שאַרפשטיין האָט אַ צייכן געגעבן אַז ער וויל רעדן. „איך געב צו אַז איר האָט דאָ אַרויסגעבראַכט איניגע מערקווירדיגע פאַקטן צו באַשטעטיגן די נבואות, אָבער איר וועט דאָך ניט ערוואַרטן אַז איניגע אויסערגעוויינטלעכע צופאַלן אָדער מערקווירדיגע צוטרעפעניש זאָלן אונס איבערצייגן? האָט איר ניט קיינע אַנדערע באַווייזע וועגן בבל?״

„פאַרקערט, איך האָב קוים אָנגעפאַנגען. עס זענען פאַראַן איבער אַ הונדערט איינצעלהייטן אין דיזער נבואה, און יעדע פון זיי באַשטעטיגט אַז דאָס איז אַ געטלעכע נבואה. צוזאַמען וואָלטן זיי אויסגעמאַכט אַ גרויסן בוך. איך וועל נעמען צייט צו באַטראַכטן נאָך צוויי איינצעלהייטן.

אין ירמיהו 51: 58 ווערט געזאָגט אַז „די ברייטע מויערן פון בבל וועלן גענצליך צובראָכן ווערן.״ ווערנט הונדערטער יאָרן נאָך דעם ווי די־זע געטלעכע גזירה איז אַרויסגעגעבן געוואָרן קענען דיזע שטאַרקסטע מויערן וואָס זענען ווען עס איז געבויט געוואָרן, זענען זיי נאָך אַלץ גע־ווען גערעכנט צווישן די זיבן וואונדער פון דער וועלט.״

„דיזע נבואה און איר דערפילונג זענען אַ קנאַפּער וואונדער,״ האָט איבערגעשלאָגן מר. שאַרפשטיין. „דער נביא, ווי איר רופט אים, וועל־כער האָט נביאות געזאָגט אַז די שטאָט וועט חורב ווערן, האָט נאַטירליך ערוואַרט אַז די ווענט וועלן אויך חורב ווערן.״

„איר פאַרגעסט,״ האָט מר. בערגמאַן געענטפערט, „אַז אַלע פאַרציי־טיגע שטעט האָבן פאַרמאָגט ווענט, און אַז אַנדערע שטעט וואָס זענען ניט געווען אַזוי שטאַרק ווי בבל זענען צעשטערט געוואָרן, אָבער זייערע ווענט אָדער מויערן געפינען זיך נאָך היינט אין אַ גאַנץ גוטן צושטאַנד.

אַלץ וואָס איך וויל באַווייזן איז אַז ירמיהו הנביא האָט ריכטיג פּראָ־פעצייעט. שטעלט אייך פאָר, למשל, אַז די מויערן פון בבל וואָלטן נאָך היינט געשטאַנען, פונקט להיפוך דער נבואה. די גרויסע וואַנט פון כינא, וואָס איז עלטער אָבער ווייט ניט אַזוי שטאַרק, שטעהט נאָך אַלץ. ווען איר, מר. שאַרפּשטיין, וואָלט געקענט פאַרזיכערן דיזן פובליקום אַז איר האָט מיט אייערע אייגענע אויגן געזעהן די הויכע מויערן פון בבל, ווי פּיראַמידן, שטעהענדיג איבער די רואינעם פון בבל, וואָלט עס צוקלאַפּט די ביבל־נבואות. אָבער איר קענט עס ניט טון, ווייל דער נביא איז גע־רעכט ווי אַלעמאָל.

„צום שלום לייענען מיר: ,אשור וועט זיין צום רויב: אַלע וועלכע באַ־רויבן איר וועלן זאַט ווערן, זאָגט גאָט.' ירמיהו 50: 10. קומט קעגן איר פון די ווייטסטע גרענעצן, עפנט אירע שפּייכלער: ... און פאַרניכט זי אין גאַנצן.' פּסוק 26. ,א שווערט איז אויף אירע אוצרות און זיי וועלן גערויב ווערן.' חאָטש דו האָסט אומגעהייערע אוצרות, דאָך איז דיין סוף געקומען.' ירמיהו 51: 13.

„צוויי איינצעלהייטן פון דיזע נבואות זענען ווערטה צו שטודירן: ער־שטנס, דאָס קליינע וואָרט אַלע איז אַן אָנצוהערעניש אַז בבל און די אַנ־דערע שטעט פון אשור וועלן אָפּטמאָל געראַבירט ווערן. אַזאַ זאַך איז ניט פאָרפעצייעט געוואָרן וועגן צר אָדער נינוה אָדער וועגן די פילע אַנ־דערע שטעט און מדינות וואָס זענען פון גאָט פאַראורטיילט געוואָרן צו פאַרניכטונג.

„צווייטנס, פון וואַנען האָט דער נביא געוואוסט אַז אין בבל וועלן זיין גענוג אוצרות צו ציהען און זעטיגן רויבער נאָך רויבער? צר איז געווען איינע פון די רייכסטע שטעט אויף דער ערד, אָבער נאָך איין ראָבירן וואָס נבוכדנצר איז באַגאַנגען אויף איר איז מעהר גאָרניט געבליבן פאַר אַנדערע צו ראָבירן.

אָבער די אומגעהייערע רייכטום פון בבל און די אַרומיגע שטעט האָט צוגעצויגן איין פּלינדערער נאָכן אַנדערן. אַזוי גיך ווי איין אַרמיי רויבער האָט געפּלינדערט דאָס לאַנד איז געקומען אַן אַנדער אַרמיי פון זיי אוועקראָבירן דאָס רויב, און אַליין ווייטער פּלינדערן דאָס לאַנד.

כורש האָט אוועקגעטראָגן אַן אומגעהייערן אוצר: אחשורוש און זיין אַרמיי האָבן אוועקגענומען $150,000,000 אין גאָלד אַליין, חוץ אַנדער רייכטום. דערנאָך איז געקומען אַלקסנדר מוקדוני און האָט דאָרט גע־טראָפן אַזוי פיל רייכטום אַז ער האָט יעדן פון זיינע אומצייליגע סאָל־דאַטן געגעבן $52, און ער זעלבסט האָט גענומען אָהן אַ שיאור רייכטום. און ווערנט צוויי הונדערט יאָר נאָך אַלקסנדר'ס טויט האָבן די פאַר־טהיאַנער געפּלינדערט דאָס לאַנד, און דערנאָך זענען געקומען די רוימער פון אַ ווייטער שטרעקע, אין דערפילונג פון דער נבואה, און האָבן אויך גערויבט.

„עס דאַכט זיך אַז נאָך עטלעכע הונדערט יאָר פּלינדערן, וואָלט ניט איבערגעבליבן זעהר פיל צום רויבן. דער אפּיקורסישער היסטאָריקער גיבאָן, איז אַליין דער בעסטער קאָמענטאַטאָר אויף דער נבואה, ווייל

ער האָט עס געטון אומבאוואוסטזיניג. ער דערציילט וועגן פילע עק־ספעדיציעס ווערנט הונדערטער יאָרן כדי צו פלינדערן די רואינעס פון בבל און די ארומיגע שטעט. ער פארגלייכט דעם לוקסוס און די רייכטום פון בבל צו אַ אָריענטאַלישן געצעלט. און דערנאָך, ווען די רוימער, אונ־טער העראַקליוס, האָבן געפלינדערט בבל, דערציילט גיבאָן אַז „האָטש פיל פון די אוצרות זענען שוין אוועקגעראָבירט געוואָרן, ... האָט דאָס רעשט רייכטום איבערטראָפן זייער האָפענונג און האָט אפילו זאַט גע־מאַכט זייער גייציגקייט.“ — ציטירט פון גיבאָנ׳ס היסטאָריע „די מינ־ערונג און דער אונטערגאַנג פון דער רוימישער אימפעריע,“ באנד 4, זייטע 480.

„גיבאָן באַשרייבט ווייטער די פּריוד פון אַן אַנדער באַנדע זיגער אין 636 נ. קר. הונדערטער יאָרן נאָך דעם ווי די נבואה איז אָנגעשריבן גע־וואָרן: „די נאַקעטע רויבער פון מדבר זענען פּלוצים רייך געוואָרן מעהר ווי זיי האָבן געהאָפט אָדער געוואוסט. יעדע צימער האָט אנטפּלעקט אַ נייעם אוצר אויסגעלעגט קונסטפול אָדער גאוהדיג. דאָס גאָלד און זיל־בער און די פארשיידענע קליידער־שראַנקן און דאָס טייערע מעבל האָט איבערטראָפן יעדע פאַנטאַזיע. און אַ צווייטער היסטאָריקער שאַצט אָפּ דאָס אומגעהייערע רייכטום אויף דריי טויזנט מאָל טויזנט מאָל טויזנט שטיקער גאָלד.‘ וואָל. 5, זייטע 180. און דאָס האָט פּאַסירט נאָך הונ־דערטער יאָרן פלינדערן פון גרויסע ארמייען און מעכטיגע הערשער פון דער ערד! און ביז היינטיגן טאָג געפינט מען דאָרט גרויסע רייכטום, ווי עס איז אַלעמען גוט באַוואוסט.

„צו קיין אַנדער אָרט אויף דער ערד זענען ניט געקומען פּלינדערער איינער נאָכן אַנדערן ווערנט הונדערטער יאָרן און זענען זאַט געוואָרן מעהר ווי זיי האָבן ערוואַרט, האָטש פאַר זיי האָבן אַנדערע שוין אוועק־געטראָגן אָהן אַ שיאור רייכטום. אָבער דער נביא האָט פאָראויסגעזאָגט דאָס וואָס דער סקעפּטיקער גיבאָן דערציילט אַלס פאַקט.

„וואָטש די נבואה וועגן חורבן בבל איז אָנגעשריבן געוואָרן טויזנטער יאָרן צוריק, זענען פאַראַן זעהר געצעהלטע ערטער אויף דער וועלט, פון וועלכע מיר פאַרמאָגן אַ קלאָרער און ריכטיגער בילד ווי דיזער. דער מאָ־דערנער היסטאָריקער קען אונס ניט מאָלן אַ געטרייער בילד פון די אומ־שטענדן ווי דאָס האָבן געטון ישעיה, ירמיהו און יחזקאל איבער צוויי טויזנט יאָר צוריק.

„איר וועט מעגליך זאָגן אַז די נביאים האָבן בלויז געטראָפן, אָדער אַז זייערע פּראָפעצייאונגען זענען ניט מעהר ווי אַ צופאַל. אויב איר קענט גלויבן אַז אַזעלכע וואונדערלעכע אויסערגעוויינטלעכע איינצעלהאַפטיגע דערפילונגען זענען ניט מעהר ווי אַ „צופאַל‘ איז עס מיר אַ וואונדער אויף אייך.

„און נעקסט וועל איך זאָגן וועגן אַ ניט־גלויביגן הערשער וועלכער האָט זיך אונטערגענומען צו ברעכן אַ נבואה, און וועלכער האָט זיך באַנוצט מיט דעם רייכטום פון זיין גרויסער מליכה און דער געניאַליטעט פון זיין באַ־ליבטעסטן גענעראַל כדי דורכצופירן זיין פּלאַן.“

קאַפּיטל 9

אַ הערשער פאַרזוכט צו ברעכן אַ נבואה

ווען דוד בערגמאַן איז אָנגעקומען האָט ער געטראָפן דעם זאַל איבערגעפּאַקט. ער האָט אייניגע מינוט גערעדט מיט פריינט, און דאַן איז ער זיך צוזאַמענגעקומען מיט דר. בערנשטיינען און ביידע זענען זיי אַרויף אויף דער בימה. אַלס ער האָט אָנגעפאַנגען רעדן האָט אויסגעבראָכן אַן אויסערגעוויינטלעכע אָוואַציע. מר. בערגמאַן האָט געענטפערט מיט אַ שמייכל.

„איך זעה אַז איר זייט פאַראינטערעסירט אין דער היינטיגער טעמע,“ האָט ער באַמערקט.“ עס שאַפט מיר גרויס פאַרגעניגן צו זעהן אימיצן וואָס האָט דעם מוט ניט נאָר צו ריידן וועגן זיינע איבערצייגונגען, נאָר עפּעס צו טון פאַר זיי. די מערסטע סקעפּטיקער באַגניגן זיך נאָר צו ריידן.

עס איז אַ גאַנץ לייכטע זאַך פאַר סקעפּטיקער צו דיסקרעדיטירן די ביבל אויב זיי זענען אַזוי ערנסט איבערצייגט ווי זיי ווילן שאַפן דעם איינדרוק. אַלץ וואָס זיי דאַרפן טון איז אויפבויען דאָס אַלטע צר, אָדער בבל אָדער נינוה. גאָט האָט געזאָגט אַז דיזע שטעט וועלן קיינמאָל מעהר ניט באַוואוינט ווערן. און ער טשאַלענדזשט די וועלט צו ברעכן זיין וואָרט.

„אויב די ניט־גלויביגע וואָלטן נאָר פּרובירט באַוואוינען איינע פון דיזע פאַרשאָלטענע שטעט וואָלטן זיי פאַרשפּאָרט צו אַרגומענטירן וועגן ביבל־נבואות, ווייל זיי זעלבסט וואָלטן געווען אַ לעבעדיגער באַווייז אַז דער נביא האָט ניט ריכטיג פּראָפעצייעט.“

„אָבער עס איז דאָך צו פאַנטאַסטיש, אַבסורד און לעכערליך צו פאָדערן אַזאַ זאַך פון סקעפּטיקער,“ האָט מר. שאַרפשטיין פּראָטעסטירט.

„איך בין איינפאַרשטאַנען מיט מר. בערגמאַנען, פּאַפּאַ,“ האָט דבורעלע אַ שושקע געטון אַלס ער האָט זיך אַנידערגעזעצט. אויב די ניט־גלויביגע מאַכן אַזאַ גרויס וועזן פון זייער סקעפּטיציזם, זאָלן זיי עפּעס ריזיקירן דערפאַר, אָדער אַז ניט זאָלן זיי שווייגן. זעה ווי די גלויביגע ריזיקירן אַלץ — זייער אייגנטום און אפילו זייער לעבן, אָבער דער סקעפּטיקער וויל ניט ריזיקירן אפילו עטלעכע דאָלאַר. יאָ, דער לעקטשורער האָט רעכט.“

„דער פאַרזוך צו ‚ברעכן‘ אַ נבואה,“ האָט מר. בערגמאַן געענטפערט, איז גאָרניט אַזוי פאַנטאַסטיש. דאָס וואָלט געדאַרפט זיין די אַמביציע פון יעדן לאָגישן סקעפּטיקער. אַזאַ אַמביציע האָט טאַקע געהאַט איינער אַן אַנטשלאָסענער צווייפלער.

„אַרום דעם יאָר 300 נ. קר. האָט געלעבט אַן אינטעליגענטער מענש וועלכער האָט געלעזן די ווערטער פון ישו אין לוקאַס 21: 24: ‚ירושלים וועט געטרעטן ווערן אונטער די פיס פון גוים, ביז די צייט פון די גוים

וועט דערפילט ווערן.׳ ער איז אמאל אליין געווען א גלויביגער אין ישו, האט ער געוואוסט וועגן דיזע נבואות. ער האט באשלאסן אז ירושלים זאל ווידער געהערן צו די אידן און ניט צו גוים.

„אט דער מאן האט אויך געוואוסט אז די ביבל האט פאראויסגעזאגט דעם שרעקלעכן חורבן פון דעם בית המקדש און פון איר עבודה, און אז די אידן וועלן צוזייעט ווערן אונטער אלע פעלקער פון דער ערד, און אז די בשורה טובה פון ישו וועט געטראגן ווערן צו יעדער נאציאן, און שבט, און שפראך און פאלק.״

„ער האט באשלאסן צו פארניכטן דאס קריסטנטום, ניט דורך טויטן די אנהענגער דערפון (דאס האט מען שוין פרובירט טון ווערנט 250 יאר און עס האט בלויז געהאלפן געווינען נייע אנהענגער) נאר דורך דער ווירקזאמערער מעטאדע פון צוברעכן די נבואות, און ארויסצייגן ישו המשיח אלס ליגנער. אט דער מאן האט פארמאגט די מאכט, ווייל ער איז געווען קיין אנדערער ווי יוליאן דער אפטריניגער, דער רוימישער אימפעראטאר, וועלכער האט געהאט אונטער זיך אן אומגעהייערע ארמיי און די רייכטום און מאכט פון כמעט דער גאנצער וועלט.״

„איז עס ניט איבערטריבן צו זאגן אז יוליאן האט ניט אין זינען געהאט קיין אנדער צוועק ווי נאר צו באווייזן די פאלשקייט פון דער ביבל?״ האט מר. שארפשטיין געפרעגט.

„אז ער האט געקעמפט קעגן גאט און האט בכיון געוואלט צוברעכן די נבואה פון דער ביבל, דאס ווערט באהויפט פון א שרייבער וואס איז געווען אזוי גאטלאז ווי יוליאן זעלבסט — גיבאן דער אנערקענטער אטאריטעט וועגן דער רוימישער געשיכטע, אין קאפיטל 23 פון זיין בארימטער היסטאריע. איך וועל אים ציטירן ווארט ביי ווארט:

„יוליאן האט באגריפן דעם אויסערגעוויינטלעכן פלאן פון איבערבויען דאס טעמפל אין ירושלים. אין זיין עפנטלעכן בריף צום אידישן פאלק אדער געמיינדע וואס איז געווען צעווארפן דורכאויס די רוימישע פראווינצן, דריקט ער אויס מיטלייד מיט זייערע צרות, פארדאמט זייערע באדריקער, לויבט זייער שטאנדהאפטיגקייט, און ערקלערט זיך אלס זייער גנעדיגער באשיצער . . . זיי האבן פארדינט יוליאן׳ס פריינטשאפט דורך זייער ביטערן האס פאר יעזוסן . . .

„נאך דעם לעצטן חורבן פון טעמפל דורך די ארמייען פון טיטוס און האדריאן, האט מען אריבערגעפירט אן אקער־אייזן איבערן הייליגן ארט, אלס צייכן פון אייביגן חרם . . .

„דער שטאלצער און אמביציעזער יוליאן קען שטרעבן אויפצובויען די אמאליגע פראכט פון ירושלימער טעמפל. אזוי ווי די קריסטן האבן געגלויבט אז גאט האט פאראויסגעזאגט אן אייביגן חורבן אויף דער גאנצער מאזאישער סיסטעם (דאס מיינט די טעמפל־עבודה א. ד. ג.), וואלט דער קעניגליכער סאפיסט זיך באנוצט מיט דעם ערפאלג פון זיין פלאן אקעגן די נבואות און דער ביבל. . . .

„ער האט אלזא באשלאסן תיכוף צו בויען אויפן שפיץ פון מוריה א שעהן טעמפל, . . . און איינלאדן א גרויסע צאל אידן וועמעס שטארקער



דער גאָלדנען טויער פון ירושלים, דורך וועלכן איינעגע אידן גלויבן אז
משיח וועט קומען און די טויטע וועלן אויפשטעהן תחית המתים.

פאַנאַטיזם וועט זיי טרייבן צו קאָאָפּערירן אין די פּלענער פון דער רע־
גירונג.

„צווישן די פריינד פון אימפּעראַטאָר האָט יוליאַן זעלבסט באַשטימט דעם ווירדיגן און באַלערנטן אַליפּיוס ... אַט דער באַאַמטער ... האָט געקראָגן דעם אויסערגעוויינטלעכן באַפעהל ווידערצובויען אין זיין אַמאָליגער שעהנקייט דאָס טעמפּל אין ירושלים. דער ענערגישער אַלי־פּיוס האָט געבעטן און געקראָגן די הילף פון גאָווערנאָר פון פּאַלעסטינע.

„די אידן פון אַלע פּראָווינצן פון דער אימפּעריע האָבן געהערט דעם רוף פון זייער גרויסן באַפרייער און זיך פאַרזאַמלט אויפן הייליגן באַרג פון זייערע אבות. זייער פרייד האָט באַאומרוהיגט און דערצאָרנט די קריסט־לעכע איינוואוינער פון ירושלים. די האָפענונג אז דאָס טעמפּל וועט ווידער אויפגעבויט ווערן האָט אין אַלע דורות געבליהט אין די אידישער הער־צער ... יעדער פון זיי האָט מיט ברייטער האַנט געגעבן, יעדער האָט מיטגעהאָלפן אין דעם פּלאַן, און דער באַפעהל פון גרויסן הערשער איז אויסגעפירט געוואָרן ענטוזיאַסטיש פון גאַנצן פאָלק.

„אָבער דאָס מאָל האָבן ניט געהאַט קיין ערפאָלג די פאַראייניגטע כחות פון הערשער און דער ענטוזיאַזם פון פאָלק. דער פּלאַץ פון בית המקדש אויף וועלכן עס שטעהט איצט דער מאַכמעדאַנישער מאָשיי שפּיגלט נאָך אַלץ אָפּ דאָס בילד פון חורבן און פאַרוויסטונג. ...

„די קריסטן האָבן נאַטירליך געהאָפט אז דיזער פּלאַן וועט געשטערט ווערן דורך עפּעס אַ גרויסן נס.

„ווערנט אַליפּיוס, געשטיצט פון גאָווערנאָר פון דער פּראָווינץ, האָט ערמוטיגט מיט ענערגיע און פלייסיגקייט די דורכפירונג פון דער אַרבעט, האָבן אויס דער ערד אויסגעבראָכן שרעקלעכע פייער־באַלן, עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד, אַזוי אז די אַרבעטער האָבן ניט געקענט צוקומען צום אָרט. און דיזאַזיגע פייערדיגע עלעמענטן האָבן אַזוי אָנגעהאַלטן, גלייך ווי זיי וואָלטן געוואָלט פאַרטרייבן די אַרבייטער, און מע האָט די אונטער־נעמונג געמוזט אויפגעבן.״

„יוליאַן איז געווען רייך גענוג און מעכטיג גענוג צו בויען אַ גאַנצע שטאָט, אָבער עס האָט אים ניט געלינגען צו בויען אפילו אַן איינציגן טעמפּל. ער האָט דיזע אַרבעט אָנגעהויבן מיט דעם שאַלן פון טרומייטן, כדי אז די גאַנצע וועלט זאָל וויסן וואָס ער טוט: ער האָט געוואָלט באַ־ווייזן אז ביבל־נבואות זענען פאַלש און ער האָט געוואָלט פאַרניכטן דאָס קריסטנטום.

„איר מעגט עס ערקלערן ווי איר ווילט, אָבער צוויי פאַקטן בלייבן: ערשטנס, יוליאַן האָט זיך באַרימט אז ער וועט צוברעכן די נבואות פון דער ביבל און וועט אויפטון דאָס וואָס די ביבל האָט געזאָגט מע וועט נ ט קענען אויפטון. צווייטנס, עס האָט אים ניט געלינגען חאָטש ער האָט פאַרמאָגט אי רייכטום אי מאַכט.״

מר. שאַרפשטיין האָט זיך אויפגעשטעלט און דוד בערגמאַן האָט אים געלאָזן רעדן. „גלויבט איר, מר. בערגמאַן, אז גאָט האָט פאַראויסגעזאָגט די געשעהניש און האָט זיך דערנאָך אַריינגעמישט כדי זיין וואָרט זאָל

ניט דורכפאַלן? דענקט איר ניט אַז דער פאַנאַטיזם און אַבערגלויבן פון די אַרבעטער האָט דעם פּלאַן געשטערט פון פאַרווירקליכט ווערן?"

„עס מאַכט ניט אויס צי די אַרבעט איז געשטערט געוואָרן דורך דעם פאַנאַטיזם און אַבערגלויבן פון די אַרבעטער אָדער ניט. דער נביא האָט ניט געזאָגט ווי אַזוי דער פּלאַן וועט דורכפאַלן. גאָט זעלבסט האָט גע־שטאַלטנדזשט די מענשהייט צו צוברעכן זיינע נבואות אויב זיי קענען. אַט איז געקומען אַ קעניג וועלכער האָט אָפן און באַרימעריש אָנגענומען אַט דעם טשאַלענדזש, און האָט אָנגעווענדעט די גאַנצע מאַכט און רייכטום פון דער רוימישער אימפּעריע אויף דער אונטערנעמונג, אָבער ער האָט געליטן אַ מיאוסן דורכפאַל. גאָט האָט פאָראויסגעזאָגט אַז אַזעלכע אונ־טערנעמונגען וועלן ניט באַגליקן. דער וואָס האָט זיך אונטערגענומען דורכפירן דעם פּלאַן איז געווען רייכער און מעכטיגער ווי וועלכער עס איז מענש פון אונזער צייט. נאָך יוליאַנען האָט שוין קיינער מעהר ניט פאַרזוכט צו מאַכן אַן ענלעכן עקספּערימענט.

„האָטש די אַלע דיסקוסיעס זענען געווען אינטערעסאַנט פאַר אמת־זוכער, די וויכטיגסטע טעמע קומט ערשט נעקסטע וואָך: „משיח — דער צענטער פון נבואה און געשיכטע."

קאַפּיטל 10

משיח — דער צענטער פון נביאות און געשיכטע

(וויכטיגע אָנמערקונג צו די לעזער פון דיזן קאַפּיטל.)

[דער לעזער זאָל שטענדיג אין זינען האָבן לע.נדיג דיזן קאַפּיטל אַז די רעליגיע פון ישו הנוצרי (יעזוס קריסטוס) לויט זי ווערט אַנטפּלעקט איז ברית חדשה אונטערדיישעט זיך גאָרניט פון דער רעליגיע פון אברהם אבינו בכלל און פון תנ"ך בפרט. אויב דאָס היינטיגע „קריסטנטום" פּראַקטיצירט ניט די רעליגיע פון יעזוסן, איז דאָס ניט יעזוס'עס שולד, נאָר די שולד פון פאַלשן „קריסטנטום" וואָס פאָלגן ניט זיינע לערע און פאַרדינען ניט דעם נאָמען „קריסטנטום." אַז ישו הנוצרי'ס לערעס זענען אַבסאָלוט איינשטימיג מיט'ן תנ"ך קען מען שוין זעהן דערפון וואָס ער האָט שטענדיג באַטאָנט די וויכטיגקייט און אייביגקייט פון דער תורה, און באַזונדערס פון די עשרת הדברות. אין דער באַרג-דרשה האָט ער צווישן אַנדערס געזאָגט:

„דענקט ניט אַז איך בין געקומען צעשטערן די תורה אָדער די נביאים. איך בין ניט געקומען צעשטערן נאָר דערפילן." (זעה מתי 5: 17-19).

די רעליגיע פון ישו המשיח און פון זיינע ערשטע נאָכפאָלגער איז געווען פאָלקאָמען איינשטימיג מיט די געבאָט. זיי האָבן געהאַלטן שבת. דאָס פאַלשע „קריסטנטום" פון היינט הייליגט אַן אַנדערן טאָג — זונטאָג — וואָס שטאַמט פון די געצנדינער וועלכע האָבן זיך געביקט צו דער זון און פלעגן דאָס טון אום זונטאָג. די ערשטע קריסטן פלעגן ניט עסן חזיר. דאָס פאַלשע „קריסטנטום" פון היינט היט ניט אָפּ דעם באַפעהל „לא תאכל את החזיר." א. ז. וו., א. ז. וו.

„די טעאָלאָגישע און רעליגיעזע געדאַנקען ווי אויך דער לעבנספּיהר פון די „משיחיים" (די נאָכפאָלגער פון יעזוסן) זענען געווען ריין — אידישע" (דר. זשיטלאָווסקי, אין „טאָג" אַפּריל 12, 1936.) זאָל דאָס דער לעזער אין זינען האָבן אַלס ער לעזט די פאָלגנדע קאַפּיטלאַך.]

צווישן די ערשטע אָנגעקומענע זענען געווען מר. און מרס. שאַרפשטיין, יאָסעלע און דבורהלע. האָטש זיי זענען געקומען פרי, זענען שוין אַנדערע געזעסן אין זאַל און ערנסט דיסקוטירט די פּונקטן וואָס זענען באַהאַנדלט געוואָרן אין די פאָריגע לעקציעס.

„היינט וועט קומען אַ גרויסער עולם," האָט דבורהלע געזאָגט אַלס דאָס פּובליקום האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן.

„נאַטירליך," האָט איר פאָטער געענטפערט. „פון יערן שטאַנדפּונקט איז די היינטיגע טעמע די וויכטיגסטע."

„דו מיינסט פון דער סעריע?" האָט זי געפרעגט.
„ניין, מיין טייערע, די וויכטיגסטע טעמע אין דער גאנצער וועלט," האָט ער באַטאָנט, מיט טיפן ערנסט אין זיין שטים.
יאָסעלע און דבורהלע האָבן זיך שטאַרק געוואונדערט אויף זייער פאָטער.
„אָבער פּאַפּאַ," האָט די מיידל ענדליך אויסגעשטאַמלט, „איך האָב געדענקט אַז דו ביסט אַ הונדערט־פּראָצענטיגער בעזבאָזשניק!"
„איך בין, אָבער דאָך בין איך איבערצייגט אַז די וויכטיגסטע פראַגע פאַר דער וועלט בכלל און פאַר אונס אידן בפרט איז צי איז אמת אַז ישו המשיח האָט געלעבט, איז געשטאָרבן און איז אויפגעשטאַנען תחית המתית ווי עס איז באַשריבן אין נייעם טעסטאַמענט."
דבורהלע האָט אַלץ באַטראַכט איר פאָטער און אירע אויגן האָבן אויס־געדרוקט אַ פראַגע-צייכן.
„איז דאָס די שטעלונג פון אַ סך פריידענקער, פּאַפּאַ?"
„כמעט פון אַלע. אַזוי ריידן די גרעסטע פון זיי."
אַלס פאָטער און טאָכטער האָבן געפירט אָט דעם געשפּרעך האָבן מרס. שאַרפשטיין און יאָסעלע זיך צוגעהערט מיט גרויס איבערראַשונג און אינטערעס. דער זאַל איז שוין געווען געפּאַקט, אָבער דער עולם האָט גע־האַלטן אין איין קומען. מר. בערגמאַן איז פאָרגעשטעלט געוואָרן פון דר. בערנשטיינען.
„איך האָב בדעה," האָט מר. בערגמאַן אָנגעפאַנגען, „צו באַטראַכטן נאָר אַ זעהר קליינעם טייל פון די באַווייזע וואָס זענען שייך צו דער אַל־וויכטיגער טעמע פון היינט. עס זענען פאַראַן פילע אויסגעצייכנטע ביכער אויף דיזער טעמע וועלכע פאַרדינען געלייענט צו ווערן.
„בשעת ישו איז טעטיג געווען פלעגט ער שטענדיג זיינע ווערטער שטיצן אויף די אידישע נביאים. זיין שטאַרקסטער אַרגומענט און אָפט־מאָל דער איינציגער אַרגומענט אַז ער איז דער משיח, איז געווען ציטירן פון די נביאים. עס זענען פאַראַן איבער דריי הונדערט נבואות און סטייט־מענטס וועגן ישו המשיח אין אַלטן טעסטאַמענט וועלכע ווערן ציטירט אין נייעם טעסטאַמענט צו באַווייזן אַז די נבואות זענען אין אים דער־פילט געוואָרן.
„און קיינער קען ניט זאָגן אַז דיזע נבואות זענען אָנגעשריבן געוואָרן נאָך ישו'ס צייט, ווייל דער לעצטער ספר פון אַלטן טעסטאַמענט איז פאַרפאַסט געוואָרן 400 יאָר פאַר דעם ווי ישו איז אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פון בית לחם, און אפילו די ראַדיקאַלסטע קריטיקער פון דער בי־בל געבן צו אַז אָט דער ספר איז אָנגעשריבן ווענינגסטנס 168 פאַר קריס־טוסן. עס איז אַלזאָ קיין ספק ניט אַז ווען דער נייער טעסטאַמענט איז געשריבן געוואָרן זענען די נביאים פון אַלטן טעסטאַמענט שוין לאַנג טויט געווען.
„ווען ישו האָט זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן צום פאָלק האָט ער צי־טירט אַ נבואה און געזאָגט: ,היינט איז אָט די שריפט דערפילט אין אייערע אויערן.' לוקאס 4: 21. און ער האָט צו זיי געזאָגט, אַ איר נאַראָ־



דאָס שטעטל נוצרות, גליל, וואו ישו הנוצרי איז אויפגעצויגן געוואָרן.

נים וואָס עס נעמט אייך אַזוי לאַנג צו גלויבן אַלץ וואָס די נביאים האָבן געזאָגט.' לוקאס 24: 25. און כדי צו לערנען זיינע תלמידים ווי אַזוי זיי זאָלן שטודירן די הייליגע שריפט," „האָט ער אָנגעהויבן פון משה און אַלע נביאים, און זיי ערקלערט אויס אַלע שריפטן די זאַכן וואָס זענען שייך צו אים.' פסוק 27.

„ווי סקעפּטיקער זאָלן ניט פאַראַכטן נביאות, מוזן זיי דאָך צוגעבן אַז דער אַלטער טעסטאַמענט רעדט אָפטמאָל וועגן קומען פון אַן אויס־געוויינטלעכער פּערזענלעכקייט אויף דער וועלט. זיי ווייסן אויך אַז ווערנט פילע דורות האָט דאָס אידיש פאָלק געלעבט מיט דער האָפע־נונג אַז עס וועט קומען אַ משיח. און די אַרומיגע פעלקער האָבן אויך גע־וואוסט אַז די בני ישראל ערוואַרטן אַ משיח און פלעגן דערפאַר מאַכן שפּאָט פון אידן.

'איינע פון די נבואות פון ישעיה הנביא פּראָפעצייעט אַז דורכן משיח פרוי'ס זאָמען פון בראשית 3: 15; די בשורה טובה אַז אין די זאָמען פון אברהם וועלן אַלע פעלקער געבענשט ווערן, אין בראשית 22: 18; די הבטחה אַז שילה וועט קומען פון שבט יהודה פון בראשית 49: 10; און אַז עס וועט קומען אַ נביא ענליך צו משה, לויט דברים 18: 18, און דאָס ווערט ציטירט פון שמעון אין נייעם טעסטאַמענט (אַפּאָסטלגעשיכטע 3: 22) אַלס ערפילט אין ישו המשיח.

„איינע פון די נבואות פון ישעיה הנביא פּראָפעצייעט אַז דורכן משיח וועלן גוים אויך ערלייזט ווערן, און אידן האָבן גוים געהאַסט. דאָך האָבן אידן אָפּגעהיט דיזע נבואה ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג. 'איך וועל דיך אויך געבן אַלס אַ ליכט צו די גוים, אַז דו זאָלסט זיין מיין ערלייזונג ביז צום עק פון דער ערד, 'אַזוי שטעהט געשריבן אין ישעיה 49: 6. אין ישעיה 60: 3 זאָגט דער נביא וועגן גאָט'ס פאָלק, 'די גוים וועלן קומען צו דיין ליכט, און מלכים צו דער העלקייט פון דיין אויפשיינען.'

„די נבואות וועגן אָט דעם קומענדיגן משיח זענען געווען פול מאָדנע פּאַראַדאָקסן. אין ישעיה 9: 6 ווערט געזאָגט אַז דיזער זוהן איז דער איי־ביגער פאָטער; אַז דאָס דאָזיגע שוואַכע קינד איז אויך דער אַלמעכ־טיגער גאָט.

„דער 53טער קאַפּיטל ישעיה ערקלערט אַז דער משיח וועט אָפּגע־שניטן ווערן פון די לעבעדיגע, אַ יונגער מאַן אָהן קינדער, און דאָך וועט ער לאַנג לעבן, און וועט זעהן זיינע קינדער, וואָס וועלן זיין אַזוי גרויס אין צאָל אַז ער זעלבסט וועט צופרידן זיין. ער וועט געטויט ווערן ווי אַן איינפאַכער פאַרברעכער, און וועט זיין קבר מאַכן מיט די רשעים, דאָך וועט דער קבר פון די רייכע זיין קבר זיין. ער וועט זיין פאַראַכט און פאַרלאָזן פון מענשן, און דאָך וועט ער פילע רעכטפאַרטיגן. ער וועט אַליין באַהאַנדלט ווערן ווי אַ פאַרברעכער, און דאָך וועט ער פאַר פאַרברע-כער בעטן. דאָס זענען אַלץ אומגעהייערע פּאַראַדאָקסן!

„עס האָט אויסגעזעהן אַזוי אוממעגליך אַז איין מענש זאָל ערפילן דיזע פּאַראַדאָקסאַלע נבואות, אַז די רבנים האָבן געזאָגט אַז עס וועלן זיין צוויי משיחיים. אָבער זייט ישו איז געקומען האָט ער אַזוי פּינקטליך ערפילט

אַלע דיזע קאַנדישאַנס אַז מיר פאַרגעסן שוין כמעט ווי פּאַראַדאָקסאַל זענען דיזע נבואות. זיי זענען שוין ניט מעהר ווידערשפּרכענד.

„עס ווערט צוגעגעבן אַז פילע הונדערטער יאָר פאַר ישו הנוצרי האָבן געוויסע אידישע נביאים פאַראויסגעזאָגט אַז אַ געוויסע פּערזאָן וואָס וועט שטאַמען פון אידישן פאָלק (אַ פאָלק וואָס איז שוואַך און קליין), וועט זיין אַ ברכה פאַר דער גאַנצער מענשהייט. מיר ווען שפּעטער באַווייזן אַז אפילו די פאַרביסנסטע סקעפּטיקער געבן צו אַז ישו הנוצרי איז געווען און איז נאָך היינט אַ ברכה, און די גרעסטע ברכה, צו דער גאַנצער מענשהייט.

„ערקלערט עס ווי איר ווילט, עס איז אָבער אַ פאַקט אַז דיזער אומבאַקאַנטער איד וואָס שטאַמט פון אַ פאַראַכטער און אונטערטעניגער ראַסע איז געוואָרן אַן אומגעהייערע ברכה צו יעדן פאָלק אויף דער ערד. דיזע מערקווירדיגע נבואה וואָס האָט געשיינט צו זיין דער אויסדרוק פון אַ עגאָטיסטישן פאָלק, איז געוואָרן אַן אייביגער וואונדער און פאַקט.

„אפילו די באַשטימטע צייט ווען ער זאָל קומען איז אויך קלאָר פּראָפּעצייעט געוואָרן. עס איז קלאָר אָנגעדייטעט געוואָרן אַז ער וועט קומען בשעת דעם צווייטן בית המקדש. „און איך וועל צוטרייסלען אַלע פעלקער, און דער געוואונשטער פון אַלע פעלקער וועט קומען: און די פּראַכט פון דיזן לעצטן הויז וועט גרעסער זיין פון ערשטן, זאָגט יהוה צבואות. 2: 7-9.

„אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ: דניאל הנביא גיט אָן דאָס פּינקטליך יאָר ווען דער משיח וועט זיך באַווייזן, און ווען ער וועט געקרייציגט ווערן. (זעה דניאל 9: 24-27 און עזרא 7: 11-26 וועגן דאָס יאָר ווען דער דעקרעט איז צו אים געגעבן געוואָרן, דאָס הייסט דאָס יאָר 457 פ. קר.) דאָס איז איינער פון די זיכערסטע דאַטומס אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער וועלט.

„די 69 וואָכן, אָדער 483 פּראָפעטישע טעג, דאָס מיינט 483 ווירקלעכע יאָר, ווייל אין נבואה איז אַ טאָג אַ צייכן פון אַ יאָר; (זעה יחזקאל 4: 6 פאַר באַווייז דערפון) האָבן זיך אָנגעהויבן אין יאָר 457 פ. קר. און האָבן זיך געענדיגט אין יאָר 27 נ. קר., אין וועלכן יאָר ישו איז געזאַלבט געוואָרן אַלס דער משיח פון רוח הקודש. (לייענט יוחנן 1: 29-36; לוקאס 3: 21, 22; 4: 18; אַפּאָסטלגעשיכטע 4: 27; 10: 38; מאַרקוס 1: 14, 15.)

„די העלפט פון דער זיבציגסטער וואָך אָדער שמיטה (דאָס הייסט 7 יאָר) גרייכט צום יאָר 31 נ. קר. ווען דער משיח דאַרף פאַרשניטן ווערן („יכרת משיח").

„ווי איינער זאָל דאָס ניט פּרובירן ערקלערן, דיזע נבואה און דאַטומס ווערן ניט דערפילט אין קיין אַנדער פּערזאָן ווי נאָר ישו הנוצרי.

„ווערליג קלאָרע אויסדריקע פון היידנישע היסטאָריקער, טאַסיטוס און סועטאָניוס, ערפאַרן מיר אַז עס האָט דאַן געהערשט אַן אַלגעמיינער גלויבן אַז עפּעס אַן אויסערגעוויינטלעכע פּערזאָן וועט אַרויסקומען פון אידישן פאָלק אומגעפער ווען ישו איז געבוירן געוואָרן. דיזער

גלויבן איז געווען אזוי שטארק ביי אידן אז פילע פאַלשע משיחים האָבן זיך באוויזן און האָבן געהאט פילע נאָכפאָלגער צווישן יענע אידן וועלכע האָבן ארויסגעקוקט אויף א משיח. די אידן זענען אָבער אזוי זיכער געווען אז ישו איז ניט דער משיח, און אז דאָס טעמפל קען ניט חרוב ווערן איידער דער משיח וועט קומען, אז זיי האָבן זיך באַין אופן ניט געוואָלט אונטערגעבן צו טיטוסן אין יאָר 70 נ. קר. און האָבן געשטרייט ביזן לעצטן טראָפן בלוט.

„די אונטערשטע שורה איז: עס מאַכט ניט אויס ווי איר ווילט עס ערקלערן, אָבער עטלעכע מערקווירדיגע פאַקטן שטעהן ארויס:

„1. הונדערטער יאָרן איידער ישו איז געבוירן געוואָרן האָבן פילע אידישע נביאים ווארנט א טויזנט יאָר קלאָר נביאות געזאָגט אז איינער פון זייער ראַסע וועט זיין א פאַלקאָם הייליגער מענש. ישעיה 42: 21.

„2. אז ער וועט זיין א נביא. דברים 18: 15-18.

„3. אז דאָס זעלביגע פאָלק וואָס האָט וועגן אים נביאות געזאָגט וועט אים ניט וועלן אָננעמען אלס משיח, אָבער אַלע אנדערע פעלקער וועלן אים יאָ אָננעמען אלס משיח. ישעיה 53: 1-3.

„4. אז ער וועט זיין א ברכה צו דער גאַנצער מענשהייט. בראשית 22: 18.

„5. אז ער וועט קומען אין א געוויסער באַשטימער צייט. דניאל 9: 24-27.

„6. אז ער וועט געטויט ווערן. תהלים 22: 16.

„7. אז ער וועט שטאַרבן דעם טויט פון א פאַרברעכער. ישעיה 53: 8-12.

„8. אַלע דיזע פאַקטן ווערן צוגעגעבן פון פראָמינענטע דענקער און שרייבער.

„9. אז ער וועט זיין ניט בלויז א אויסערגעוויינטלעכער מענש, נאָר גאָט. ישעיה 9: 6.

„10. אז קיין אַנדערער מענש האָט ניט דערפילט אַלע דיזע קאָנדיציעס, אָבער ישו המשיח יאָ.

„11. אז די פילאָזאָפישע סיסטעמען פון א פלאַטאָן, אָדער א קארל מארקס, אָדער א בודא אָדער מאַכמעט האָבן קיין שייכות ניט מיט זייער פערזענלעכן כאַראַקטער, אָבער ווען מע זאָל געפינען אן איינציגן פעהלער אין ישו'ס כאַראַקטער, וואָלט די גאַנצע קריסטלעכע סיסטעם תיכּוף צוזאַמענגעפאַלן.

„זיין כאַראַקטער איז דער פונדאַמענט פון דער גאַנצער קריסטלעכער געביידע. סקעפּטיקער ווייסן עס גוט, און דאַך אַנשטאָט אים אַטאַקירן לויבן זיי אים גאָר ביזן הימל אריין! ווייל זיין כאַראַקטער איז אזוי אַנציהענד, אזוי ליבליך, אזוי שעהן, אזוי שטארק, אזוי פאַלקאָם, אז איניגע וועלכע האָבן שטודירט זיין לעבן כדי אים צו קריטיקירן, האָבן אים לסוף געלויבט און אפילו פארגעטערט.

„ישו המשיח איז דער פולס פון אַלטן ווי פון נייעם טעסטאַמענט, אזוי ווי די צירקולאַציאָן אין אונזער קערפּער. ער איז די גאָלדענע קייט וואָס

פאראייניגט אלע טיילן, ער איז ווי די ליכט וועלכע באלייכט אלע געהיימנישן פון די הייליגע שריפט, דער שליסל צו דיזע טיפסטע געהיימנישן און דער לייט־מאָטיוו צו אירע אייביגע הארמאָניעס, דאָס האַרץ פון יעדן ספר און איטלעכער נבואה.“

מר. שאַרפשטיין וועלכער האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, איז אויפגעשטאַנען. דוד בערגמאַן האָט אים געלאָזן ריידן.

„מר. בערגמאַן,“ האָט מר. שאַרפשטיין אָנגעהויבן אין אַ ערנסטן טאָן, „איך האָב אייך ניט געוואָלט איבעררייסן, ווייל איך האָב גרויס רעספּעקט פאַר ישו המשיח, און וויל ניט אויסזעהן ווי אַ ביליגער העקלער. אָבער האָטש אייערע באַווייזן זענען אינטערעסאַנט און נים לייכט אָוועקצומאַכן, זענען זיי אָבער ווייט ניט איבערצייגנד. למשל, בראשית 3: 15, ‚איך וויל אַ פיינטשאַפט טון צווישן דיר און דער פרוי,‘ א. ד. ג. שיינט מיר אוים צו זיין אַ צו אומזיכערער פונדאַמענט אויף וועלכן צו גרינדן אַ נבואה וועגן משיח. און די מערסטע פון אַנדערע נבואות זענען, דענק איך, אויך ניט צופרידנשטעלנד.“

„איך בין איינפארשטאַנען מיט אייך, מר. שאַרפשטיין,“ האָט מר. בערגמאַן געענטפערט.

„דבורעלה האָט אַ סאָפע געטון, און אויך איר פאָטער און ברודער און פילע פון פובליקום.

„איר זייט איינפאַרשטאַנען?“ האָט מר. שאַרפשטיין אויסגעשריהען. איך פאַרשטעה אייך ניט.“

„יאָ, איך בין מיט אייך איינפאַרשטאַנען. קיין איינציגע פון די דריי הונדערט נבואות וועגן משיח איז ניט גענוג צו באַווייזן אַז ער איז דער ריכטיגער משיח. איך וועל דאָס ערקלערן מיט אַ משל:

„אך בין אַנומלט פאַרבייגעגאַנגען אַ הימל־קראַצער וואָס מע האָט געהאַלטן אין בויען. אַ גרויסע שטאָלענער באַלקן וואָס האָט געוואויגן עטלעכע טאָן איז אַרויפגעהויבן געוואָרן אין דער לופט דורך אַ קייבעל און אָנהאַלטנדיג זיך ביים שטאָלענעם באַלקן איז גאַנץ זאָרגלאָז מיטגעפאָרן אַ מאַן. וואָלט דער קייבעל געפּלאַצט וואָלט אָט דער מאַן געשלײדערט געוואָרן צו אַ זיכערן טויט אַ צוויי הונדערט פוס צום טראָטואַר.

נאָך דעם ווי דער שטאָלענער באַלקן איז צוגעפּיקסט געוואָרן צו זיין אָרט, איז דער קייבעל מיטן מאַן ווידער אַראָפּגעלאָזן געוואָרן אַרויפצוהויבן אַן אַנדערן באַלקן. בשעת מע האָט דעם נעקסטן באַלקן אָנגעבונדן, האָב איך אָט דעם מאַן אָנגעוויזן אויף איינעם פון די דינינקע שטאָלענע שטריק פון וועלכע דער קייבעל איז געוועזן צוזאַמענגעשטריקט, און האָב צו אים געזאָגט:

„מיסטער, ווייסט איר אַז קיין איינציגע פון די פילע קליינע דראָטלאָך פון וועלכע דיזער קייבעל איז געמאַכט וואָלט ניט געקענט אָנהאַלטן אַ הונדערטסטן טייל פון דיזע לאַסט אפילו אויף אַ מאָמענט?“

„דער אַרבעטער האָט אויף מיר אַ קוק געטון מיט טיפער פאַראַכטונג: ‚העי, מיסטער,‘ האָט ער אַ לאַך געטון, ‚ווייסט איר אַז האָטש ס'איז אמת אַז איינציגווייז קען אַ דראָט קיין סך ניט אויפהויבן, אָבער צוזאַמען קע־



דער ים המלח אין ארץ ישראל

נען זיי אויפהויבן א באַלקן צעהן מאָל שווערער ווי אַט דיזער, און ווייסט איר אז אויב מע זאָל צוזאַמענבינדן געגוג פון אַט דיזע דראָטן קען מען א גאַנצן בארג אויפהויבן?' און אַזוי ריידנדיג איז ער זאָרגלאָז ווידער ארויף אויפן וואַרטנדיגן קייבעל, געגעבן דעם סיגנאַל און איז ארויפגע־צויגן געוואָרן אַלס ער האָט מיר מיט דער האַנט שפּאַטנדיג געגריסט גוד־באַי.

„די פילע פּראָפּעטישע פּעדים, גענומען איינציגווייז, באַווייזן זעהר ווייניג וואָס, אָבער צוזאַמען מאַכן זיי אַ שטריק פון באַווייזע וואָס מע קען ניט צעריסן. מיר וועלן איצט באַטראַכטן אַנדערע „פּעדים" פון אונזער שטריק פון באַווייזע.

„אַלס איר וועגט דעם איינפלוס וואָס ישו האָט געהאַט אויף דער היס־טאָריע," האָט דוד בערגמאַן פאָרטגעזעצט, „באַטראַכט דעם אונטער־שייד צווישן ישו און אַלע אַנדערע מאָראַליסטען און פילאָזאָפן. ווען מע זאָל אַנזאַמלען אַלע גוטע און קלוגע מאמרים פון אַלע פילאָזאָפן, און דערנאָך אָפּזונדערן און אַוועקוואַרפן אַלע זייערע טעותן און אוממאָראַ־לישע לערעס און אָבערגלויבנס וואָס מע וועט געפינען אין זייערע סיס־טעמען, וואָלט עס געפאָדערט פיל מיה און צייט. אָבער אַז אַ איינצעלנע פּערזאָן וועלכער איז געווען אומבאַקאַנט מיט די פילאָזאָפן און האָט ניט געקראָגן קיין וועלטלעכע בילדונג, זאָל פּונקט קאַפּויר צו די אַנגענומענע כללים און מנהגים פון זיין פּאָטערלאַנד אַנטוויקלען אַ שפּוגל־נייע סיס־טעם וואָס ווערט אַלגעמיין אַנערקענט אַלס דערהויבענער און פּאָלקאָ־מענער פון אַלע אַנדערע, דאָס איז עפּעס וואָס דערוועקט אינטערעס ביי יעדן מענשן."

מר. שאַרפּשטיין איז אויפגעשטאַנען. „מיינט איר צו זאָגן אַז די פילאָ־זאָפן זענען אַליין געווען שרעקליך אָבערגלויבעריש, און די מאָראַליסטן אַליין אוממאָראַליש?"

„דאָס איז פּונקט וואָס איך מיין!" האָט מר. בערגמאַן געענטפערט. „קיין איינציגער פון דידאָזיגע מאָראַליסטן האָט זיך ניט געוואַגט שטעלן אַנטקעגן די פּאָפּולערע זינד און קאָרופּציעס פון זייער צייט און לאַנד. קיין היידנישער מאָראַליסט האָט ניט געוואַגט אָפּשטעלן דעם אוממענש־לעכן און בלוטיגן ספּאָרט פון די גלאַדיאַטאָרס. קיינער פון זיי האָט ניט צומאָל פּראָטעסטירט קעגן דער אויסגעלאַסנהייט, קעגן דעם קאַלטבלו־טיגן אויסגערעכנטן לאַנגזאַמען מאָרד פון קינדער און שקלאַפן דורך פּרירן, אָדער קעגן פּראָסטיטוציע. די עקלהאַפטסטע, אויסגעלאַסנסטע אָרגיעס זענען אָפן פּראַקטיצירט געוואָרן אין נאָמען פון זייער היידנישער רעליגיע, אָבער די גרעסטע פילאָזאָפן און מאָראַליסטן האָבן קיינמאָל ניט אויפגעהויבן זייער שטימע קעגן אַט די העסלעכקייטן."

מר. שאַרפּשטיין האָט ווידער איבערגעשלאָגן. „איר קענט דאָס ניט זאָגן וועגן אַזעלכע מענשן ווי פּלאַטאָן, סאָקראַט, אַריסטאָטל, און סענעקאַ. דיזע מענשן, האָף איך, זענען ניט שולדיג געווען אין די זאַכן וואָס איר האָט איבערדערמאָנט."

דער לעקטשורער האָט אַ נייג געטון מיטן קאָפּ. „עס טוט מיר לייד

צו זאָגן אַז יאָ. פּלאַטאָן, למשל, האָט ניט נאָר ערלויבט אָנטרינקען זיך איבער דער מאָס ביי די שענדלעכע פייערטעג פון אַפּגאָט באַכוס, נאָר ער און אַריסטאָטל האָבן געפאָדערט אַז מע זאָל שוואַכע קינדער ניט עררציהען. פּלאַטאָן, ציצעראָן, עפּיקטעטוס און אַנדערע באַרימטע פילאָזאָפן האָבן ערמוטיגט מענשן פאַרטגעהן מיט דער געצנדינסט פון זייערע אורעלטערן. דיאָגען און סאָקראַט האָבן געפרעדיגט און פראַקטיצירט די ברוטאַלסטע אויסגעלאַסנהייטן, און קאַטאָ האָט געלויבט יונגעלייט פאַר באַזוכן פּראָסטיטוציע־הייזקעס. פּלאַטאָן האָט גערעכט מע זאָל האָבן געסלאַך פון פּראָסטיטוטקעס, און אַז סאָלדאַטן זאָל מען ניט פאַרבאָטן פּראַקטיצירן די גראָבסטע און אומנאַטירלעכסטע תאוות. אָט די אַלע זאַכן זענען ערמוטיגט און באַשיצט געווען דורך די ציווילע געזעצן. סאָלאָן, דער גרויסער געזעצגעבער, האָט פאַרבאָטן אויסגעלאַסנהייט בלויז צו די שקלאַפן. זענאָ, דער גרינדער און קאַטאָ, די ציורונג פון דער סטאָאישער פילאָזאָפיע, און סענעקאַ, דער גרויסער מאָראַליסט פון נעראָנ׳ס צייט, האָבן אַלע באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

„דער אמת איז אַז די זאַכן וואָס דיזע מענשן, די מוסטער פון אוראַלטערטום, פלעגן טון און פרעדיגן אַנדערע צו טון, קען מען באַין אופן ניט אַנטפּלעקן צו אַ געמישטן פּובליקום, און אפשר טאַקע צו קיין פּובליקום.“

„אָבער זיי האָבן אויך געפרעדיגט פילע נאָבעלע זאַכן,“ האָט זיך מר. שאַרפשטיין געהאַלטן ביי דאָס זייניגע.

„אמת,“ האָט מר. בערגמאַן געענטפערט. „דאָס איז טאַקע וואָס איך וויל אויסברענגען. דיזע מענשן זענען געווען די גרעסטע פּערזענלעכקייטן וואָס היידנטום האָט פאַרמאָגט, און דאָס בעסטע וואָס זיי האָבן אויפגעטון מיט זייער אייגענעם ביישפּיל און מיט זייער דענקען איז געווען פון אַזאַ אָרעמער קוואַליטעט, אַז עס האָט געהאַט אַ טרויעריגע ווירקונג אויף דער מענשהייט.

„אָבער עס ווערט צוגעגעבן אפילו פון ניט־גלויביגע אַז ישו, אָהן וועלטלעכער בילדונג, האָט אַזוי ווייט איבערשטיגן אַלע מאָראַליסטן און פילאָזאָפן צוזאַמענגענומען, אַז זיי אַלע בלייבן ווייט, ווייט הינטער אים.“

מר. שאַרפשטיין איז ווידער אויפגעשטאַנען. „איר האָט ארויסגעבראַכט גאַנץ איבערציינגנדע באַווייזע אַז אין ישו הנוצרי פּאַסן זיך צו אַקוראַט די נבואות פון אַלטן טעסטאַמענט. אָבער דאָס איז נאָך ניט קיין באַוויז אַז ער האָט געגרינדעט די קריסטלעכע רעליגיע.“

„וועל, לאָמיר זיך אביסל אַריינטיפן אין דער אַנטשטייאונג פון קריסטנטום,“ האָט מר. בערגמאַן געענטפערט. „אַז קריסטנטום עקזיסטירט און איז, הייסט עס, אַמאָל אַנטשטאַנען, דאָס קען קיינער ניט אָפּלייקענען. נאָר צוויי טעאָריעס ווענן אָט דער אַנטשטייאונג זענען מעגליך: אָדער דאָס קריסטנטום איז געגרינדעט געוואָרן פון פאַרפירער, אָדער פון ישו זעלבסט.

„דאָס פריידיגן פון אָט דער נייער רעליגיע איז געווען אַ זעהר ריזיקאַלישע אונטערנעמונג גלייך פון אָנפאַנג אָן. צו אידן האָט קריסטנטום אויסגעזעהן ניט נאָר להיפוך זייער אַלטע אָנגענומענע דאָגמעס, נאָר אויך

צו יענע טעאָריעס אויף וועלכע זיי האָבן באַזירט זייערע האָפענונגען און זייער טרייסט. זיי האָבן ערוואַרט אַ משיח וועלכער וועט זיי באַפרייען פון די פאַרהאַסטע רוימער. שוין דער געדאַנק אַליין אַז דיזע האָפענונגען וועלן אפשר ניט פאַרווירקליכט ווערן האָט זיי שרעקליך אויפגעבראַכט. די גאַנצע סיסטעם פון קריסטנטום איז זיי געווען ניי און דערווידער. דאָס פּריידיגן דאָס מלכות השמים צו די גוים האָט צו אירן ניט אַפּעלירט און האָט די אידן דערווייטערט פון קריסטנטום אַנשטאָט צו דער־נעהנטערן זיי.

„נאָך געפערלעכער איז געווען דאָס וואָס די נאָכפאָלגער פון ישו האָבן געפונען פאַר נויטיג צו באַשולדיגן זייערע אייגענע אידישע ברידער אַז ישו'ס אומפאַרדינטן און גרויזאַמען טויט. דאָס אַלץ האָט געמאַכט זייער ווערק אַ שווער אַ ריזיקאַליש. ישו'ס תלמידים האָבן געמוזט קעמפן קעגן פאָרורטייל געשטיצט פון מאַכט. זיי האָבן געפּריידיגט צו אַ פאָלק וואָס איז געווען אַ אַנטוישט אַ אויפגעבראַכט. אונטער אַזעלכע מאָדנע אומשטענדן האָט די נייע רעליגיע געמוזט אָנהויבן איר עקזיסטענץ.

„אָבער די אמתע שוועריגקייטן זענען ערשט געקומען נאָכהער. דאָס קריסטנטום האָט גענומען אונטערגראָבן די הערשנדע מאַכט — רוים — און אַלע אַנדערע עקזיסטירנדע רעליגיעס זענען געווען פיינטליך צום קריסטנטום. דאָס קריסטנטום האָט גלייך פון אָנפאַנג אָן אָפּגעלייקנט און אַנטפּלעקט די פאַלשקייט און נישטיגקייט פון אַלע גוישע (היידנישע) מיטאָלאָגישע לעגענדעס און פון אַלע געצן וואָס די גוים האָבן געדינט. קריסטנטום האָט ניט געקענט אָננעמען קיין קאָמפּראָמיס. קריסטנטום האָט ניט געקענט טריומפירן סיידן יעדע סטאַטוע, מזבח, טעמפּל און געץ פון היידנטום זאָל אוועקגענומען ווערן.

„קריסטנטום איז ניט געווען בלויז נאָך אַ רעליגיע וואָס איז צוגע־קומען צו די טויזנט שוין עקזיסטירנדע רעליגיעס, נאָר זי האָט אָפּן פאַר־דאַמט אַלע פאַלשע געטער און אַלע פאַלשע רעליגיעס.

„באַטראַכט נאָך אַ פאַקט. די דאַמאָליגע מענשן פלעגן באַטראַכטן רע־ליגיע אַלס איינס מיטן ציווילן שטאַט. דאָס מיינט אַז ווען קריסטנטום האָט זיך פאַרמאָסטן אומוואַרפן די רעליגיע פון דעם שטאַט איז דאָס באַ־טראַכט געוואָרן אַלס אַ אינטריגע קעגן דער רעגירונג און אַלס פאַרראַט פאַר וועלכע די שטראָף איז געווען דער טויט. די ערשטע קריסטן האָבן דאָס אַלץ געוואוסט.

„ווייטער, די רעליגיעס פון יענער צייט זענען געווען לאַנג־איינגע־וואָרצלטע. פון אַלטע צייטן אָן זענען זייערע פּריסטער, זייער רייכטימער, זייערע ריטועלע צערעמאָניעס, און די פּראַכטפולע טעמפּלס געווען אַ קאָנקרעטער באַווייז פון זייער מאַכט. סקולפּטור, מאַלעריי, אַרכיטעקטור און מוזיק האָבן בייגעשטייערט צו זייער שיינקייט, פּראַכט און איינפלוס.

„דיזע רעליגיעס האָבן געהאַט פילע פּייערטעג וועלכע זענען געווען שטאַרק אָנגענומען ביי דער באַפעלקערונג. זייער רעליגיע, ווי עס האָט באַמערקט דער היסטאָריקער גיבאָן, „איז געווען איינגעפלאָכטן מיט יע־דער טעטיגקייט פון ביזנעס אָדער פאַרגעניגן, סיי עפנטליך סיי פּריי־

וואַט, און מ׳ט אַלע געזעלשאַפטלעכע פאַרגעניגנס און אמטן.׳

„לויט ווי עס זאָגן די היסטאָריקער פליני און מארטיאַל זענען די מאַרטירער פון ישו המשיח געווען אמתע מאַרטירער, דאָס הייסט, זיי וואָלטן זיך געקענט ראַטעווען פון טויט צו יעדער צייט דורך אָנטייל נעמען אין די היידנישע צערעמאָניעס.

„און אויב ישו איז געטויט געוואָרן ווי אַזוי האָבן זיינע נאָכפאָלגער געקענט ערוואַרטן אויסצומיידן דעם זעלבן שיקזאַל, איבערהויפּט ווען ישו המשיח האָט פאָראויסגעזאָגט אַז דאָס וועט זיין זייער שיקזאַל? דאָך האָבן זיינע תלמידים ניט געהאַט דעם מינדעסטן באַגעהר צוריקצוציהען זיך אפילו ווען עס האָט זיי ערוואַרט שרעקלעכע פייניגונג.

„אַזאַ טריישאַפט צו אַן איבערצייגונג מוז דאָך האָבן אַן אורזאַך. ווען אַ סך מענשן ליידן שרעקלעכע פייניגונג און זיכערן טויט איידער צו לעבן ווי זיי האָבן פריהער געלעבט, מוז דאָך זיין אַן אורזאַך דערפאַר. אומצעהליגע מענשן האָבן אָנגעגעבן אַלס די אורזאַך: זייער ליבשאַפט פאַר ישו הנוצרי. אפילו ניט־גלויביגע זענען מודה אַז דאָס איז אמת, ווי מיר וועלן שפּעטער ווייזן.

„נאָך אַ פונקט: אַלע באַשרייבונגען וועגן דער אַנטשטייאונג פון קריסטנטום זענען איינשטימיג. סיי די הייליגע שריפט, סיי וועלטלעכע שרייבער זאָגן איינס און דאָס זעלבע: אַז ישו איז געקרייציגט געוואָרן אין ירושלים אונטערן באַפעהל פון פאָנטיוס פילטוס דעם רוימישן גאָווערנאָר און די דאַמאָלסדיגע אָדער שפּעטערדיגע שרייבער האָבן ניט אָפּגעלייקנט דיזע פאַקטן. אפילו אידישע שרייבער האָבן ניט וואָס אויסצוזעצן קעגן דעם.

„ניט פליני אין ערשטן יאָרהונדערט און ניט צעלסוס אין צווייטן, פאָרפירי אין דריטן, און ניט יוליאַן אין פירטן יאָרהונדערט האָבן ניט געהאַט דעם מינדעסטן פאַרדאַכט אַז דער נייער טעסטאַמענט איז וואַרהאַפטיג אָדער אַז קריסטן האָבן אַ טעות געמאַכט אין גלויבן אין די שרייבער פון נייעם טעסטאַמענט.

„אָט האָט איר די פאַקטן פון אַן אויסערגעוויינטלעכער געשיכטע וואָס אַלע שרייבער זענען איינשטימיג וועגן זיי: ווערנט דער הערשאַפט פון טיבעריוס קיסר האָבן אַ צאָל מענשן זיך אונטערגענומען צו פאַרשפּרייטן אַ נייע רעליגיע אויף דער וועלט, און כדי צו עררייכן זייער ציל זענען זיי וויליגערהייט אויסגעשטאַנען יעדע געפאַר, די שווערסטע אַרבעט, די ערגסטע ליידן, און אַלץ צוליב זייער גלויבן אין אַ מאַן וועלכער איז געקרייציגט געוואָרן אַלס פאַרברעכער און וועלכער איז אויפגעשטאַנען תחית המתים. אָט דיזער מאָדנער פאַקט האָט אין גאַנצן רעוואָלוציאָנירט דעם גאַנג פון היסטאָריע, פון אימפּעריעס, און האָט פאַראיידלט מיליאָנען מענשן.

„אויב די מענשן וועלכע האָבן פאַרשפּרייט אָט דיזע אויסערגעוויינטלעכע ערפאַרונג וועגן ישו זענען ניט געווען קיינע אָרענטלעכע מענשן, דאַן זענען זיי געווען די געשיקטסטע אָפּנאַרער און אָפּגענאַרטע אויף דער וועלט. און אויב אַזוי, זענען זיי געווען רשעים וועמעס ציל איז גע־

ווען לערנען די מענשהייט צו זיין אויפריכטיג, און וועמעס האפענונג אין לעבן איז געווען צו שטארבן א שרעקלעכן טויט פון מארטירער, פארהאסט פון דער גאנצער וועלט.

„קיינמאל אין דער געשיכטע פון דער וועלט האט מען ניט געהערט אז מענער, פרויען און אפילו קינדער זאלן פרייוויליג פירן א לעבן פון ארעמקייט, פון אויסגעמאטערטקייט, פון אייביגער געפאר, גרייט צו פארלאזן היים און לאנד, צו ליידן שמייץ און שטיינונג, לאנגע און גרויזאמע געפענגעניש, און אפילו צעריסן ווערן פון ווילדע חיות אדער פארברענט ווערן צום טויט, און אלץ כדי צו פארשפרייטן א מעשה וואס זיי האבן געוואוסט איז פאלש אדער אפשר פאלש. מענשן האבן קיינמאל ניט געליטן אלע דיזע זאכן פאר קיין אנדער אידעאל, נאר פאר זייער גלויבן אין ישו המשיח. מענשן וועלן ניט איינוויליגן צו ליידן אלע דיזע זאכן סיידן פאר עפעס וואס איז זיי טייערער ווי דאס לעבן. דאס זענען פאקטן וואס זענען צו באוואוסט אז אימיצער זאל זיי אפלייקענען, און מע קען זיי ניט אוועקמאכן מיט דער האנט.

קאַפּיטל 11

וואָס דער פריידענקער האָט צו געבן

אַלס די שאַרפשטיינס האָבן געוואַרט אַז דאָס פּובליקום זאָל קומען, האָט מר. שאַרפשטיין אויסגעזעהן זעהר באַזאָרגט. דבֿורהלע האָט זיך אָנגעלעהנט פאַרביי איר ברודער און האָט סימפּאַטיש אַ גלעט געטון איר פּאַפּאַ׳ס שטערן.

„וואָרום ביסטו אַזוי שטאַרק פאַרזאָרגט, פּאַפּאַ? זעה ס׳אַרא אויסקנייטשטער שטערן!

„איך בין טאַקע באַזאָרגט,” האָט ער מודה געווען.

„איבער וואָס?”

„איך געפין זיך אין אַ פאַרלעגנהייט. איך בין זיכער געווען אַז מיינע בעסטע אָבדזשעקשאָנס וועלן קיינמאָל ניט געענטפערט ווערן. אָבער מר. בערגמאַן האָט געענטפערט אויף די מערסטע, און ער האָט דאָ פאָרגעבראַכט אַ צאָל אומבאַשטרייטבאַרע באַווייזע אַז די ביבל איז גאָט׳ס וואָרט.”

„דו האָסט דאָך פריינט וואָס זענען פריידענקער, קענען זיי דיר ניט העלפן?” האָט יאָסעלע געפרעגט.

„איך האָב זיי ערקלערט מר. בערגמאַן׳ס אַרגומענטן, און זיי האָבן ניט וואָס צו ענטפערן. קיינער פון דיזן פּובליקום האָט ניט געקענט ענטפערן. און איצט וועט דער לעקטשורער קומען אין אונזער מקלט אַריין, און וועט צעשטערן אונזערע פעסטונגען. און איך ווייס גוט אַז מיר זענען כמעט שוצלאָז. אונזער קראַפט איז אין אַטאַקירן.”

„טאָ וואָרום אַטאַקירסטו ניט?” האָט דבֿורהלע געפרעגט בשעת אירע אויגן האָבן געפונקלט מיט האָפענונג אַז עס וועט אויסברעכן אַ שטרייט.

„ווייל איך האָב שוין אויסגעשעפּט מיינע שטאַרקסטע אַרגומענטן, און ער האָט געענטפערט אויף זיי. איצט פאָרברענגען שוואַכערע אַרגומענטן וועט עס בלויז אָנטפּלעקן אונזער שוואַכקייט. קלייניגקייטן אינטערעסירן מיך איבערהויפּט ניט. איך גלייך ניט צו דעבאַטירן איבער אַזעלכע קלייניגקייטן ווי למשל, וואו האָט קין גענומען זיין ווייב, אָדער ווי אַזוי האָט בלעם׳ס עזל געקענט רעדן אויף לשון קודש, ווי אַזוי אלישה׳ס אייזן האָט געקענט שווימען, ווי אַזוי יונה האָט געלעבט דריי טעג אין בויך פון אַ פיש, ווי אַזוי יהושוע האָט אָפּגעשטעלט די זון, אָדער פילע אַזעלכע ליבלינגס־אַרגומענטן ביי פריידענקער, וואָס זענען קלייניגקייטן אין פאַרגלייך מיט דעם אומגעהייערן פאַקט פון ישו המשיח׳ס לעבן און זיינע וואונדערלעכע רייד.”

„פּאַפּאַ, וואָס איז געשעהן מיט דיר!” האָבן דבֿורהלע און יאָסעלע זיך גע׳חידוש׳ט.

„דערווייל ווייס איך נאך ניט," האט ער געענטפערט שמייכלדיג.

„איך ווייס," האט מרס. שארפשטיין געזאגט, אויך שמייכלדיג. זיי האבן זי גענומען אויספרעגן, אבער זיי האבן אויפגעהערט, ווייל זיי האבן דערזעהן דעם לעקטשורער ארויפגעהן אויף דער בימה

„איך קווענקל זיך ריידן אויף דיזער טעמע," האט דוד בערגמאן אנגעפאנגען. „איך גלייך איבערהויפט ניט צו אטאקירן אן אנדערנ'ס איבערציינגונגען. איך וואלט בעסער געוואלט ריידן ווייטער וועגן גלויבן פון ישו המשיח. אבער אזוי ווי די פריידענקער זוכן צו צעשטערן יעדן גלויבן אין גאט, מוז איך באטראכטן וואס דער פריידענקער האט אונס צו געבן נאכדעם ווי ער נעמט פון אונס אוועק דעם גלויבן. דערפון וואס דער פריידענקער באקעמפט רעליגיע מוז מען דרינגען אז ער, דער פריידענקער, פארמאגט עפעס בעסערס ווי גלויבן אין גאט, און דאס דארף מען גרינטליך באטראכטן.

מר. שארפשטיין איז אויפגעשטאנען און האט אדרעסירט דאס פובליקום:

„איך בין זיכער אז מיר זענען אלע שטארק צופרידן מיט דער העפליכער שטעלונג פון דעם לעקטשורער, און איך פערזענליך וויל אים פארזיכערן אז ער מעג פראנק און פריי אויסדריקן דאס וואס איז אין זיינע געדאנקען."

סימפאטישע אפלאדיסמענטן האבן באגריסט מר. שארפשטיינ'ס ווערטער.

„איך דאנק אייך," האט דער לעקטשורער שמייכלדיג אויסגעדריקט זיין אנערקענונג פון אט דער פריינטלעכקייט מצד דעם פובליקום. „איר ווייסט אפשר אלע אז ראבערט אינגערסאל (דער בארימטער פריידענקער) האט געהאט א ברודער וועמען ער האט זעהר ליב געהאט. שטהענדיג ביי זיין ברודער'ס קבר, האט ראבערט געפרעדיגט די לויה דרשה, אין וועלכער ער האט אויסגעדריקט די פאלגנדע געדאנקען, וועלכע זענען פון זיינע גענאסן־פריידענקער איבער דער גאנצער וועלט באטראכט געווארן אלס געניאלע ווערטער:

„,צי אין מיטן ים, צי צווישן די כוואליעס פון ווייטן ברעג, דער חורבן ווארט לסוף אויף יעדן און אויף אלע. און איטליך לעבן, אפילו ווען יעדע שעה דערפון איז געוועזן פול מיט ליבע און יעדער מאמענט באצירט מיט פרייד, וועט דאך לסוף ווערן א טראגעדיע, אזוי טרויעריג און טיף און טונקל ווי געהיימניש און דער טויט קענען אויסשפינען . . . דאס לעבן איז א שמאלער טאל צווישן די קאלטע און וויסטע בערג פון צוויי אייביגקייטן. אומזיסט איז אונזער מיה צו כאפן א קוק אויף יענער זייט פון אט די בערג. מיר שרייהען אויף א קול, אבער דער איינציגער ענטפער איז דאס ווידער־קול פון אונזער אייגענעם וויי־געשריי.'"

„איך בין זיכער אז האפנונגלאזערע ווערטער ווי דיזע קען ניט געבן. פאר אינגערסאלן, נאכדעם ווי ער האט ערפארן אלץ וואס דאס לעבן האט צו געבן, איז דאס לעבן געוועזן ניט מעהר ווי א קאלטע און וויסטע טראגעדיע, און די נאבלסטע שטערונגען ניט מעהר ווי א העסלעכער שפאט.

ער האָט פאַר זיך געזעהן ניט מעהר ווי 'שוואַרצקייט און פינסטערניש אויף אייביג' ווי עס האָט אויסגעדריקט דער אידישער אפּאָסטעל יודאַס, פּסוק 13.

„וואָס דער סקעפּטיציזם זאָל ניט זיין, איין זאַך איז זיכער: עס איז ניט און עס קען ניט זיין, די וואַרהייט. דער סקעפּטיציזם פּרעטענדירט אפילו ניט צו זיין די וואַרהייט. עס איז ניט מעהר ווי א נעגאַטיווע שטעלונג, עס לעשט אויס די ליכטלאַך פון האָפענונג און צינדט ניט אָן קיין אַנדערע אויף זייער אָרט, די פריידענקער וויקן איינוויקלען די גאַנצע וועלט אין דער פינסטערניש וואָס זיי אליין געבן צו עקזיסטירט אין זייערע הערצער.

„איצט לאָמיר הערן פון נאָך א גרויסן פריידענקער, הערבערט ספּענ־סער. זיין גאַנץ לעבן האָט ער געשריבן צענדליגער ביכער אין וועלכע ער האָט אטאַקירט אָדער איגנאָרירט דאָס קריסטנטום, און ווען ער איז אַלט געוואָרן האָט ער אָנגעשריבן זיין אָטאָביאָגראַפיע אין צוויי דיקע בענד. צום שלוס פון צווייטן באַנד שרייבט ער וועגן טויט, און שרייבט מיט גרויס שרעק וועגן זיין אייגענעם סוף. ער טרויערט איבערן פאַקט וואָס דער טויטער ניט ער עקזיסטירט און ניט ער געדענקט אז ער האָט עק־זיסטירט.

„דער אמת איז אז הערבערט ספּענסער האָט מיט אזא גרויס בענקע־ניש געזוכט רוה פאַר זיין זעעל אז נאָכדעם ווי ער רעדט וועגן טויט זאָגט ער ווייטער: ‚איך האָב געגומען סימפּאַטיזירן מיט רעליגיעזע געמיינדעס ווייל זיי פאַרנעמען דאָס אָרט וואָס ראַציאָנאַליסטישע דענקער (דאָס מיינט פריידענקער) וואָלטן געוואָלט פאַרנעמען אָבער זיי געלינגט ניט און וואָס מעהר זיי זוכן אַלץ ווייניגער ערפאָלג האָבן זיי, נאָר מיר (פריי־דענקער) קענען ניט אָננעמען די רפואות וואָס רעליגיע אָפּפערט, כאָטש מיר האָפן אז אַן אויסוועג וועט דאָך געפינען ווערן. ‚אָטאָביאָגראַפיע,' 2טן באַנד, זייטע 549.

„לויט דיזע ווערטער מוז מען קומען צום פאָלגענדן וויכטיגן באשלוס:

„ערשטנס, ספּענסער איז מודה אז זיינע אייגענע רפואות האָבן ניט געהאַט קיין ערפאָלג, אז זיי זענען ניט קיינע אמתע רפואות. ער זעלבסט זאָגט אזוי. ווערנט פופציג יאָר צייט האָט ער געברויכט זיין גיגאַנטישן אינטעלעקט צו ערקלערן די געהיימנישן פון לעבן. צום סוף פון זיין לעבן איז ער מודה אז אַלע זיינע באַמיהונגען זענען געווען אומזיסטע.

„צווייטנס, וואָס מעהר די סקעפּטיקער האָבן געזוכט צו פאַרנעמען דעם אָרט פון רעליגיע און צו ערקלערן די געהיימניש פון לעבן אָהן דער הילף פון רעליגיע, אַלץ ווייניגער ערפאָלג האָבן זיי געהאַט.

„דריטנס, אזוי שטאַרק האָט ער געפיהלט די נויט פאַר עפּעס א רפואה דאָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיינע אייגענע און אַנדערע סקעפּטישע טעאָריעס, און האָט געזוכט רפואות אין קריסטנטום. כאָטש ער האָט די קריסטליכע רפואה ניט געוואָלט אָננעמען, האָט ער מודה געווען אז עס איז דאָס בעסטע.

„פירטנס, פון זיין אמאָליגער פיינטשאַפט צום קריסטנטום איז ער גע־



הר גרזים (דער בארג פון ברכה) לעבן שכם, שומרון.

וואָרן סימפּאַטיש דערצו פאַר זײן טויט, און האָט זיך אפילו אויסגעדריקט אַז אַלזאָי וואָלט ער געקענט גלויבן אין ישו המשיח. אויב דאָס איז ניט וואָס זײנע ווערטער באַדײטן, דאַן האָבן ווערטער קײן באַדײטונג ניט.

„פאַרוואָס זאָלן מיר אויפגעבן אונזער גלויבן מיט וועלכן ער האָט סימפּאַטיזירט און האָט אַלײן געוואָלט האָבן, און אָננעמען דאָס וואָס ער האָט אַלײן אַוועקגעוואָרפן? איצט לאָמיר הערן פון אַ הײנטיגן שרײבער. אין דעם ‚אמעריקן מעגעזין‘ פון נאָוועמבער, 1930, זײטע 23, איז געווען אַן אַרטיקל פון אַ באַקאַנטן שרײבער, ווי. אָ. סאָנדערס. הערט צו וואָס ער זאָגט:

„איך וויל אײך פאָרשטעלן צום עלנדסטן און אומגליקלעכסטן מענשן אויף דער ערד ... איך מײן דעם מענשן וואָס גלויבט ניט אין גאָט ... איך מײן ניט דעם מענשן וואָס לײקנט אין גאַנצן אָפּ אַז עס איז דאָ אַ גאָט — דער אַטעאיסט; איך מײן אײך פאָרשטעלן דעם בענקענדיגן, פּאַטעטישן, אײנזאַמען קערל וואָס זאָגט פּשוט אַז ער ווײסט ניט — דער אַגנאָסטיק, דער מאַן וואָס איז גאָטלאָז.

„איך ווײס גענוי ווי פאָרצושטעלן דעם גאָטלאָזן, ווײל איך בין אַלײן אַ גאָטלאָזער. וואָס איך שרײב איצט קומט פון מײן אײגענעם לעבן, האַרצן, און געדאַנק אַרויס. אַלס איך טו אײך פאָרשטעלן זיך זעלבסט, האָב איך אײך ממילא אויך פאָרגעשטעלט אײער גאָטלאָזן שכן, ווײל דער גאָטלאָזער איז פאַראַן אומעטום אין לאַנד.

„אפשר וועט איר זײן איבערראַשט צו וויסן אַז דער גאָטלאָזער איז אײך מקנא וואָס איר גלויבט אין גאָט, און וואָס איר גלויבט אין אַ גן עדן נאָכן טויט, און וואָס איר זײט זיכער אויף יענער וועלט זיך ווידער צו זעהן מיט די וואָס זענען אײך דאָ געווען טײער, פרײ פון צער און שמערץ. דער גאָטלאָזער וואָלט גערן געאָפּפערט אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט ווען ער זאָל קענען גלויבן און געניסן די טרײסט וואָס רעליגיע גיט.

„אַלץ וואָס ער ערוואַרט איז דער טויט. אַלץ וואָס ער זעהט נאָכן טויט איז דאָס צופוילן פון דער מאַטעריע און מאַרך פון וועלכע זײן קערפּער און פּערזענלעכקײט זענען געמאַכט ... אָבער אין אַזאַ מאַטעריאַליסטישער אָנשויאונג געפין איך ניט קײן פרײד אָדער טרײסט. איז דאָס דער סך הכל פון מענשלעכן לעבן און שטערבן? ... אָט דערפאַר וויל איך אײך געבן אַ שטיקל באַגריף וועגן דער בענקעניש און וועגן דער אײנזאַמקײט פון דעם גאָטלאָזן מענשן.

„אײער גאָטלאָזער שכן וועט אײך אַוודע וועלען געבן דעם אײנדרוק אַז ער האָט ניט מורא פאַר קײן זאַך. אָבער אין דער אמתן פיהלט ער זיך ניט גליקליך ... פּנים אל פּנים מיט דעם אומענדלעכן אוניווערז, ווײסט ער ניט פון וואַנען ער קומט אָדער פאַרוואָס ער לעבט, און אַלס ער באַטראַכט דעם אומענדלעכן רוים און זײנע אײגענע נישטיגקײט און שוואַכקײט, דענקט איר ניט אַז באַצײטנס בענקט ער נאָך עפּעס אַ פעסטן באָדן אויף וואָס צו שטעלן זײנע פיס? דער גאָטלאָזער טראָגט אַ שווערן קרײץ פון לײדן און וועה ...

„דער גאָטלאָזער באַוואונדערט די מאַכט פון אײער גלויבן. ער האָט

געזעהן אַלקאָהאָליקער, אויסגעלאַסענע דעגענעראַטן ווערן נייע מענשן דורך גלויבן. ער האָט געזהן די קראַנקע, די אַלטע און פריינטלאָזע געטרייסט און געשטאַרקט דורך גלויבן. עס האָבן געמאַכט אַ רושם אויף אים זייערע וואונדערבאַרע פילאַנטראָפּיעס, זייערע אַנשטאַלטן, זייערע האָספּיטעלער, זייערע שולעס ... דער גאָטלאָזער איז מודה מיט בישה אַז די גאָטלאָזע און פריידענקער האָבן אַזעלכע זעהר געצעהלטע האָספּיטעלער געבויט און ווייניגע אַנשטאַלטן געגרינדעט. . . .

„פאַר דעם גאָטלאָזן איז דיזע וועלט ניט מעהר ווי אַן אומזיכערע שטיק האָלץ וואָס שווימט אויף די גרונטלאָזע וואַסערן פון דער אייביגקייט, און ער זעהט ניט קיין לאַנד און קיין האָריזאָנט. זיין האַרץ געהט אים אויס צו אַלע די וואָס שווימען מיט דעם האָלץ, זיי שווימען אָבער זיי ווייסן ניט וואָהין. . . .

„איר האָט זיך באַקענט מיט איינעם פון איינזאַמסטע און אומגליקלעכסטע מענשן אויף דער ערד.' "

„אַלזאָ וואָס האָט דער גאָטלאָזער פריידענקער צו געבן? — גאָרניט; אַבסאָלוט גאָרניט. ער זעלבסט זאָגט אַזוי. ער איז מקנא דעם גלויביגן. ער איז איינזאַם און אומגליקליך. וואָס־זשע האָט ער צו געבן דעם גלויבינגן? קיין זאַך ניט, סיידן זיין אומגליקליכקייט און זיין איינזאַמקייט."

„מר. בערגמאַן," האָט אים מר. שאַרפשטיין איבערגעשלאָגן, „דער פריידענקער קען ניט גלויבן אין גאָט, ווייל ער מוז גלויבן אַזוי פילע זאַכן וואָס זענען קעגן די נאַטור־געזעצע. ער קען ניט לעבן בלויז אויף גלויבן; ער מוז זיך אויפפירן לויט דער ווירקליכקייט. אויב דער פריידענקער האָט גאָרניט וואָס צו געבן, איז עס דערפאַר וואָס ער ווייסט גאָרניט וועגן אַ צוקינפטיגן לעבן, און צו פאַרלאָזן זיך אויף גלויבן איז אַן אומזין."

„פאַרקערט," האָט מר. בערגמאַן געשמייכלט, „אַלץ וואָס איר טוט און אַלץ וואָס יעדער מענש טוט איז געגרינדעט אויף בטחון און אויף גלויבן."

„איך פאַרשטעה אייך ניט," האָט מר. שאַרפשטיין זיך געוואונדערט, ערקלערט וואָס איר מיינט."

„מיט פאַרגעניגן. אַלע מענשן, סיי געבילדעטע סיי אומגעבילדעטע, קינסטלער און וויסנשאַפטלער, אידעאַליסטן און מאַטעריאַליסטן, גלויבן אין זאַכן וואָס זיי האָבן קיינמאָל ניט געזעהן און קענען ניט פאַווייזן. מאַטעמאַטיקער גלויבן אין אַקסיאָמען: כעמיקער אין אַטאָמען, קאָסמישער עטער, ווידערשפּרעכנדע אייגנשאַפטן אין מאַטעריע: אַסטראָנאָמען אין אומבאַגרייפלעכער אייביגקייט פון רוים: די נאַטוראַליסטן גלויבן אין אומזיכטבאַרע נאַטור־קרעפטן און נאַטור־געזעצע. מיר גלויבן אַז אַלע נאַטור־קערפּער ציהען צו איינע די אַנדערע ווי אַ מאַגניט, און אַז זיי וועלן אַזוי טון אויף אייביג, אָבער מיר ווייסן ניט וואָס עס איז און מיר קענען עס ניט באַווייזן.

„דער באַרימטער וויסנשאַפטלער טאָמאַס האַקסלי, האָט געזאָגט אַז אפילו וויסנשאַפט איז מערסטנס אַ גלויבנס־זאַך. אין זיין בוך, 'עוואָלוציע און מאָראַל', זייטע 121, זאָגט ער: ,איך גלויב מיטן גאַנצן האַרצן

אַז אַלץ אין דער וועלט פּאַסירט לויט פעסט־באַשטימטע געזעצע, אָבער מע קען עס ניט באַווייזן דורך דער ערפאַרונג.׳ און אין זיין בוך וואָס הייסט ,וויסנשאַפט און די קריסטלעכע טראַדיציע,׳ זייטע 243, זאָגט ער ווייטער: ,דער יסוד פון יעדער טאַט וואָס מיר באַגעהן, און פון יערן געדאַנק וואָס מיר דענקען, זענען אַלע באַגרינדעט אויף דעם גרויסן אַקט פון גלויבן.׳

„די גאַנצע חכמה פון פריידענקער איז זייער גלויבן אין געוויסע דאָגמעס וועגן לעבן, וועגן דער נאַטור, מאַטעריע, אַטאָמען, מעכאַניקע. יעדער סיי גלויביגער סיי פריידענקער, לעבן דורך גלויבן.

„עס איז קאָמיש וואָס דער זעלבער מענש וועלכער גלויבט ניט אין קיינע נסים גלויבט אַז די וועלט האָט זיך אַליין באַשאַפן, אַז דער זעלבער מענש וועלכער מאַכט חוזק פון דער דאָקטרינע אַז גאָט האָט די וועלט באַשאַפן, גלויבט אַז פון טויטער מאַטעריע האָט זיך אַנטוויקלט דאָס לעבן, און אַז די ערשטע לעבעדיגע צעל האָט זיך זעלבסט בעשאַפן! ער לייקנט אָפּ אַז דער מענש פאַרמאָגט אַ זעלע, אָבער ער גלויבט אַז מאַטעריע און אַטאָמען האָבן זעלעם און אפילו אַז זיי האָבן אַ זכרון! ער גלויבט אַז דאָס לעבן איז אַנטשטאַנען פון זיך זעלבסט, אָבער ער גלויבט ניט אַז גאָט האָט עס באַשאַפן!

„דער פריידענקער האָט גאָרניט חוץ פאַרצווייפלונג און איינזאַמקייט צו געבן צום מענשן וואָס זוכט הילף. דער גאָטלאָזער פאַרברענגט פיל צייט און מיה צו באַקעמפן די ביבל און גאָט, אָבער העלפן די אָרעמע און הילפלאָזע האָט ער קיין צייט ניט. אָבער די זעלביגע סקעפּטיקער וועלכע מאַכן חוזק פון אונזער גלויבן זענען זיך מודה אַז זיי זעלבסט לעבן דורך גלויבן. די זעלביגע סקעפּטיקער וועלכע זאָגן אַז עס נאַריש צו גלויבן אין גאָט, זענען זיך מודה אַז זיי זענען אונס מקנא אונזער בטחון אין גאָט. דיזעלביגע סקעפּטיקער וועלכע ראַטן אונס אויפגעבן אונזער אמונה, זענען זיך מודה אַז זיי האָבן גאָרניט וואָס צו געבן וואָס זאָל פאַרנעמען דעם אָרט פון אמונה, און אַז זיי וואָלטן געגעבן אַלץ וואָס זיי פאַרמאָגן פאַר דער טרייסט און גליק וואָס קומען פון גלויבן.

„און נעקסטע וואָך וועלן מיר הערן וואָס דאָס גלויבן אין גאָט און ישו האָט צו געבן.“

קאפיטל 12

וואס דאס גלויבן אין גאט און משיח האט צו געבן

דאס פובליקום איז אנגעקומען גאנץ פרי פאר דער לעצטער לעקטשור פון דער סעריע. קליינע גרופעס אין פארשיידענע טיילן פון זאל האבן לעבעדיג דיסקוטירט. דער אינטערעס אין די לעקטשורס איז געווען גרויס: דבורהלע׳ס אויגן האבן געפונקלט פון אויפגערעגונג. „איך וואונדער מיך צי וועט היינט עפעס געשעהן,״ האט זי באמערקט צו איר פאטער.

„ס׳וועט היינט א סך געשעהן, טאכטערל, אבער ניט דאס וואס דו דענקסט. קיינע דיסקוסיעס וועלן היינט מעהר ניט געשעהן.״

„ווארום; און וואס וועט געשעהן?״

„קיין דיסקוסיע וועט ניט זיין ווייל אלע וויכטיגע פונקטן זענען שוין דיסקוטירט געווארן, און די היינטיגע טעמע איז צו וויכטיג פאר לייכט־זיניגע דיסקוסיעס.״

„אבער וואס וועט געשעהן?״ האט זי זיך איינגעשפארט.

„איך ווייס ניט אויף זיכער,״ האט מר. שארפשטיין געשמייכלט אלס ער האט באמערקט איר ערנסטקייט, „אבער איך דענק אז היינט וועלן פילע מענשן דא קומען צו געוויסע באשלוסן וואס וועלן האבן אן אומגעהייערע ווירקונג אויף זייער גאנצן לעבן.״

דבורהלע האט אומגעקעהרט איר געזיכט צו איר פאטער׳ס אלס יא־סעלע און מרס. שארפשטיין האבן געקוקט מיט טיפן אינטערעס. גאר א נייע ערנסטקייט איז געווען אין איר שטימע אלס זי האט אים געפרעגט:

„האסטו געמאכט דיין באשלוס, פאפא?״

„דערווייל נאך ניט, אבער איך האב עס אין זינען צו טון. צוערשט וויל איך הערן וואס ישו המשיח האט צו געבן. האסטו געמאכט דיין באשלוס?״ האט ער געפרעגט זיין טאכטערל?

„יא, פאפא, און איך האף אז דו האסט ניט דאגעגן.״

„דו ווייסט אז איך האב ניט דאגעגן. און דו יאסעלע?״ יאסעלע האט א וואונק געטון מיטן קאפ אז יא. „און דו, מיין ווייב?״ מרס. שארפשטיין האט געקוקט אויף איר מאן מיט אירע מילדע ברוינע אפעלירנדיגע אויגן און געענטפערט שטיל אבער אנטשלאסן:

„יא, איך האב שוין א לאנגע צייט געוואלט גלויבן.״

פלוצים איז דער זאל שטיל געווארן, ווייל דער לעקטשורער און דער טשערמאן זענען געגאנגען צו דער בימה. אלס דוד בערגמאן איז אויפגעשטאנען צו ריידן, האט דאס פובליקום אפלאדירט.

„וואס האט ישו המשיח אייך צו געבן?״ האט ער אנגעפאנגען. „איר האט געהערט ווי די סקעפטיקער און גאטלאזע האבן מודה געווען אז זיי האבן לחלוטן גארניט וואס צו געבן דעם אומגלויביגן חוץ האפענונגס־

לאָזיגקייט, פאַרצווייפלונג און אַן אומעדיגע נשמה־איינזאַמקייט. איר האָט זיך צוגעהערט ווי די גאָטלאָזע האָבן אויסגעדריקט זייער בענקעניש.

„איר האָט געזעהן אַז די הייליגע שריפט האָבן פּראָפעצייעט די גאַנצע היסטאָריע פון אַלע וויכטיגע פעלקער פון אַמאָל. קיינער פון אייך, דאָ אָדער וואו עס איז, האָט ניט געקענט אָפּלייקענען אַז דיזע נבואות זענען געמאַכט געוואָרן הונדערטער יאָרן פאַר זייער דערפילונג, און קיינער קען דיזע ערשיינונג ניט ערקלערן אויף אַ נאַטירלעכן גרונט. איר האָט אַלע צוגעגעבן אַז קיין אַנדער בוך ענטהאַלט ניט קיין אמתע נבואות. די נבואות פון די הייליגע שריפט זענען פאַרן גאָטלאָזן אַ פאַרבאָרגענער סוד.

„די הייליגע שריפט גיט צו אייך די פּערזאָן פון ישו המשיח. איר האָט געהערט ווי מע האָט דאָ געלייענט פון אַ האַלבן דוצן פריידענקער אַז זיי געבן צו אַז ישו איז דער גרעסטער פאַקט אין דער היסטאָריע פון דער וועלט. זיי האָבן וועגן אים גערעדט מיט מעהר התלהבות ווי וועגן וועלכער אַנדערע פּערזאָן אויף דער וועלט. און אייניגע באַרימטע סקעפּטיקער האָבן עפנטליך אויפגעגעבן זייער סקעפּטיציזם און האָבן מיט גרויס פרייד מודה געווען זייער גלויבן אין ישו המשיח.

„לאָמיר באַטראַכטן אביסל וואָס ישו המשיח באַדייט פאַר דעם מענש־לעבן געשלעכט, און איבערהויפּט פאַר איטלעכן פון אייך פּערזענליך. אַלס דירעקטער רעזולטאַט פון זיין מעשהלע וועגן גוט־האַרציגן שומרונער (זעה לוקאס 10: 33) און זיינע אַנדערע לערעס וועגן באַרעמהאַרציג־קייט, און זיין אייגענע נסים פון היילן קראַנקע, אַלס רעזולטאַט דערפון איז שוין לאַנג אָפּגעשאַפט די אַמאָליגע גרויזאַמע באַנאַכלעסיגונג פון קראַנקע און פאַרוואונדעטע, האָספּיטאַלן און סאַניטאַריומס און מענש־לעבע באַהאַנדלונג פון קראַנקע איז היינט אַלגעמיין וואו נאָר די הייליגע שריפט זענען באַקאַנט.

„זייט איר אַ רעפאָרמער און זאָרגט פאַר די אָרעמע? באַטראַכט־זשע ווי אַזוי ישו האָט געזאָגט פאַר די אָרעמע. שקלאַפערייַ איז אָפּגעשאַפט אַלס רעזולטאַט פון ישו'ס לערע אַז אַלע מענשן זענען ברידער און זענען גלייך אין גאָט'ס אויגן. ישו טרייסט די אונטערדריקטע און פאַרדאַמט די עגאָיסטישע רייכע. ער זאָגט אַז פילאַנטראָפּיע איז ניט גענוג, ער פאָדערט גרינטלעכע סאָציאַלע גערעכטיגקייט פאַר אַלע.

„גלויבט איר אַז בילדונג איז נויטיג פאַרן פּראָגרעס פון דער מענש־הייט? דאַן באַטראַכט ווי ישו האָט פאַרשפּרייט וויסנשאַפט. ער האָט שטענדיג געזוכט דעם מענשן צו דערהויבן פיזיש און גייסטיג. און ווען ישו האָט געהייסן זיינע תלמידים געהן, און לערנען אַלע פעלקער, האָט עס געהאַט דעם מעכטיגסטן איינפלוס אויף דער אַנטוויקלונג פון דער וועלט. אין אָט דעם באַפעהל איז דער יסוד פון העכסטער בילדונג. זיינע נאָכפאָלגער, הייסט עס, דאַרפן זיין באַקאַנט מיט דער היסטאָריע פון אַלע פעלקער כדי אַז די בשורה טובה זאָל ווערן אַ טייל פון אַלע פאַרהעלט־נישן פון דעם לעבן.

„פאַר אָט דעם צוועק האָבן זיינע נאָכפאָלגער געדאַרפט שטודירן און אויסאַרבעטן רייזע־מעטאָדן כדי נאָהענט צוצוקומען צו אַלע פעלקער

לויט דעם באַפעהל. אַלס רעזולטאַט פון אַט דעם באַפעהל זענען מענשן אין אַלע דורות געפאָרן צום עק וועלט, אַפילו צום מדבר פון סאַהאַרא און צו די קאַלטע ווּיסטעניש פון צפון, און צום ווייטן טיבעט. צו וואָס? כדי צו ערפיקן דעם באַפעהל פון געטלעכן משיח.

„דער באַפעהל צו לערנען אַלע פעלקער הייסט אַז דער לערער דאַרף וויסן מעהר ווי דער שילער. אַלס רעזולטאַט פון דיזן באַפעהל זענען ניין הונדערט שפּראַכן געוואָרן שריפטליך, און אַן אומגעהייערע צאָל ביכער איבער רעליגיע זענען איבערזעצט געוואָרן אין דיזע שפּראַכן פון די נאָכפאָלגער פון ישו המשיח. די גאַנצע געאָגראַפישע ווסנשאַפט פון אונזער וועלט וואָס מיר פאַרמאָגן היינט איז פאַקטיש אַנטוויקלט געוואָרן פון די אומערמידלעכע רייזעס פון די שלוחים פון ישו המשיח צו לענדער וואו קיינער האָט פריהער ניט געוואָגט צו געהן.

„דאָס פאָלק פון וועלכן ישו האָט געשטאַמט איז געווען פאַרהאַסט און פאַרפאָלגט, און ענג-נאַציאָנאַליסטיש געשטימט. אָבער ער, זייער משיח, איז געוואָרן די אוניווערסאַלע פערזאָן, דער בן אדם, וואָס פאַרבינדט דעם מזרח מיטן מעריב און דעם צפון מיטן דרום.

„סאָקראַט האָט געלערנט פערציג יאָר, פּלאַטאָן פופציג יאָר, אַריסטאָטעלעס פערציג יאָר, אָבער ישו בלויז דריי יאָר; אָבער דאָס וואָס ער האָט געלערנט די קורצע דריי יאָר האָט געמאַכט אַן אומגעהייער גרעסערן איינפלוס אויף דעם גאַנג פון דער געשיכטע ווי די הונדערט און דרייסיג יאָר וואָס סאָקראַט, פּלאַטאָן און אַריסטאָטעלעס, די דריי גרעסטע קעפּ פון אַמאָל, האָבן צוזאַמען אויסגעווירקט.

„ישו האָט זיך פריי געמישט אין געזעלשאַפט, אָבער ער האָט ניט ענטפערט ווי די ווערטער פון די גרעסטע שרייבער פון דער היסטאָריע, און זיינע ווערטער זענען געטראָגן געוואָרן צום עק פון דער וועלט, און זענען איבערזעצט געוואָרען אויף אַלע שפּראַכן און אין כמעט אַלע דיאַלעקטן.

„ישו האָט זיך פריי געמישט אין געזעלשאַפט, אָבער ער האָט ניט ערווידמעט געוואָרן די מייסטערווערק פון אַרכיטעקטור. ער איז ניט געווען קיין מאַלער, אָבער ער האָט באַגייסטערט מיקעל אַנדזשעלאָ, לעאָנאַרדאָ דא ווינטשי, און ראַפאַעל צו מאָלן מייסטערווערק וועגן ישו.

„ער האָט ניט געשריבן פּאָעזי, אָבער דאַנטע, מילטאָן, און פילע אַנדערע פון די גרעסטע פּאָעטן זענען פון ישו באַגייסטערט געווען. ער איז ניט געווען קיין קאָמפּאָזיטאָר, אָבער היידן, הענדל, בעטהאָווען, באַך, און מענדלסאָן האָבן צו אים געווידמעט זייערע שענסטע סימפאָניעס, הימנען און אָראַטאָריאָס.

„ישו האָט זיך פריי געמישט אין געזעלשאַפט, אָבער ער האָט ניט ערלויבט ביליגע פאַמיליאַריטעט. ער האָט פּראַקטיצירט מעסיגקייט אָבער ער איז ניט געווען קיין אַסקעט. ער איז ניט געווען וועלטליך, אָבער ער האָט זיך אינטערעסירט און סימפּאַטיזירט מיט די ליידנדע פון אַלע מענשן.

„סקעפּטיקער לויבן זיין וואונדערלעכע חכמה, די טיפקייט פון זיין עטישער סיסטעם, די גערעכטיגקייט פון זיינע באַשלוסן, די גרויסע וויכטיגקייט פון זיינע ווערטער, די אַבסאָלוטע פאָלקאָמענהייט און שעהנקייט

פון זיין כאַראַקטער — זיין סימעטרישקייט, זעלטענע נאָבעלקייט און רוהיגע מאַכט.

„די פּירושים איבער ישו'ס ווערטער זענען ענדלאָז. מע מאַכט פון זיי משלים, זיינע ווערטער ווערן פאַרקערפּערט אין געזעצע, אין דאָקטרינעס, זיי טרייסטן די אָרעמע און די מידע, זיי טראַנספאָרמירן דאָס לעבן און דעם כאַראַקטער; אָבער זיינע ווערטער פאַרגעהן קיינמאָל ניט, און נאָך יעדן געברויך בלייבן זיי שטענדיג אַזוי פריש ווי ווען ער האָט זיי גערעדט.

„ישו'ס ווערטער זענען אי אַלט אי מאָדערן, זיי קאָמבינירן די איינ־פאַכקייט פון אַ קינד מיט דער חכמה פון גאָט, די ווייכקייט פון אַ ליבעס־קוש מיט דער מאַכט פון אַ בליץ וועלכער צושפּאַלט אַ באַרג.

„זיינע פאַרביטערסטע קריטיקער קענען ניט אָפּלייקענען אַז ער, ישו, איז געווען די פאַרקערפּערונג פון פאָלקאָמענער הייליגקייט. אונטן ביי זיינע פיס בושעווען די ברויזנדע, אומרוהיגע כוואַליעס פון גאָטלאָזיג־קייט, אָבער ער שטעהט נאָך אַלץ אַלס דער מוסטער פון דער מענשהייט, דער באַגייסטערער פון נאָבעלע טאַטן, רו פאַר די מידע, די איינציגע געטלעכע בלום אין דעם גאָרטן פון דער וועלט.

סקעפּטיקער געבן צו אַלע דיזע זאַכן, אָבער זיי זוכן אָט דעם געטלעכן וואונדער ערקלערן אויף אַ נאַטירלעכן גרונט. זיי זענען גערן מסכים אַז ער איז די גרעסטע פּערזענלעכקייט וואָס האָט דאָ ווען געלעבט, אָבער זיי ווייזן צוריק דעם געדאַנק אַז ער האָט אין זיך קאָמבינירט די גאָט־הייט און די מענשהייט.

„אָבער ווען זיי אָנערקענען אים בלויז אַלס די גרעסטע פּערזענלעכ־קייט האָבן זיי ווייט ניט געסעטלט די פראַגע; פאַרקערט דאָס שאַפט נייע שווערע פראַגעס. אויב ישו המשיח איז ניט גאָט און מענש צוזאַמען, איז ער געווען דער גרעסטער באַטריגער וואָס די וועלט האָט פאַרמאָגט, ווייל ער האָט זיך זעלבסט ערקלערט אַלס גאָט, און אַז ער איז די ליכט פון דער וועלט, אַז ער האָט עקזיסטירט פאַר דער באַשאַפונג, אַז ער איז אַראָפּ־געקומען פון הימל, אַז ער איז גלייך צו גאָט (זעה יוחנן 2: 17, 18), און אַז אַלע מענשן זאָלן כבוד געבן דעם זוהן פּונקט ווי זיי געבן כבוד דעם פאָטער. יוחנן 4: 23; לייענט אויך יוחנן 10: 30, 38. ישו האָט זיך גע־לאָזן רופן מיטן טיטול ,דער האר דיין גאָט.' זעה מתי 4: 7; יוחנן 10: 33. ווען טאָמאַס דער סקעפּטישער תלמיד, האָט ישו'ן נאָך זיין תחית המתים אים אָנגערופן ,מיין האר און מיין גאָט,' האָט ישו אים ניט אויס־געשטראָפט דערפאַר, נאָר פאַרקערט, ער האָט צו אים געזאָגט, ווייל דו האָסט מיך געזעהן גלויבסטו: געבענשט זענען די וועלכע האָבן ניט גע־זעהן, און גלויבן דאָך.' יוחנן 20: 28, 29. דערזעלבער געדאַנק ווערט פילמאָל ווידערהאָלט אין אַלע פיר וואַנגעליומס.

„אויב ישו האָט אַזעלכע סטייטמענטס געמאַכט, און זיינע סטייט־מענטס זענען ניט אמת, איז ער דער ערגסטער פּרינציפּלאָזער מאַשעננִיק וואָס די וועלט האָט ווען געזעהן. אָבער קיין סקעפּטיקער וועט ניט וואָגן זאָגן אַזאַ זאַך. איר אַלע, פּונקט אַזוי ווי איך, גלויבט אַז ישו איז גע־

ווען פאָלקאָם אָרנטליך און ערנסט, און אז א שלעכטער מענש וואָלט ניט געקענט אזוי לערנען אנדערע ווי ער האָט געלערנט, און אז א גוטער מענש וואָלט ניט געקענט אָפּנאַרן דאָס זעלביגע פאָלק פאר וועלכע ער האָט פרייוויליג אָפּגעגעבן זיין לעבן.

„איר זעהט אַלזאָ איין אז די גרעסטע פּראָבלעם פון דער ביבל און דער שטאַרקסטער באַווייז פון איר געטלעכן אורשפּרונג איז די פּערזאָן פון ישו. עס איז ניט פאַראַן נאָך א מענש אין דער געשיכטע פון דער וועלט וואָס זאָל צו אים קענען געגליכן ווערן. ער מאַרשירט טריומפאַליש דורך אַלע דורות, און עס שיינט פון אים אַרוים אַזאַ מאָראַלישע פּראַכט אז אפילו די ביטערסטע קריטיקער פון דער ביבל פיהלן צו אים א מין יראת הכבוד. אויף ישו דעם צור עולמים — דעם אייביגן פעלז — ווערן צעשמעטערט אַלע אטאַקעס פון זיינע קריטיקער. ישו המשיח איז, ווי די אידישע נביאים האָבן פּאַראויסגעזאָגט, דער גייסטיגער מאַגניט וועלכער ציהט אַלעמען צו אים מיט אַן אומגעהייערער צוציהונגס־קראַפט.

„אַט דער מלך המלכים איז צו אונזער וועלט געקומען פון הימל מיט א ליבע וואָס האָט געגליהט אין זיין הארצן פון אייביגקייט, כדי צו פאַר־בינדן מיט דער מענשהייט, צו ליידן פאר די חוזק מאכער, אויסשטעהן די שטאַרקסטע נסיונות, און ערפאַרן דעם ערגסטן טויט כדי אז איר און איך זאָלן ערפאַרן וואָס געטלעכע ליבע איז, און אז מיר זאָלן צוריק באַ־קומען די אומשולדיגקייט און דאָס גליק פון גן עדן. אַרום אים גרופּירן און דרעהען זיך אַלע ווארהייטן, אזוי ווי די פּלאַנעטן אַרום דער זון.

„און איצט וועט איר מיר אַנטשולדיגן וואָס איך וועל אייך דערציילן מיין אייגענע ערפאַרונג. איך בין ערצויגן געוואָרן אַלס פריידענקער. מיינע עלטערן און מיינע אַנדערע קרובים האָבן שטאָלצירט מיט זייער גאָטלאָזיגקייט. איך בין ערנערט געוואָרן אויף די פילאָסאָפיעס פון די וועלט־באַרימטע פריידענקער. אָבער איך האָב געמערקט אז אַלע סקעפּ־טיקער פון צעלסוס ביז מר. וועללס, זענען געשטאַנען הילפלאָזע און ערשטוינטע פאר דעם וויגעלע פון ישו. מיך האָט געוואונדערט וואָרום אַט דאָס קינד ישו איז געבוירן געוואָרן אויף דער וועלט אין א צייט ווען דאָס גייץ פון רוים, די פיינטלעכע שטעלונג פון זיין אייגענעם פאָלק, און די גריכישע ביטערקייט וועלן אים צודריקן. אָבער אַט די מעכטי־גסטע, גרויזאַמסטע קאָמבינאַציע וואָס די וועלט האָט. ווען געזעהן, האָט ניט געקענט פאַרמיידן דעם נצחון פון אַט דעם קינד — דאָס הייליגסטע קינד אויף דער וועלט איז געבוירן געוואָרן אין דעם שמוציגסטן אָרט אויף דער וועלט.

„מיך האָט געוואונדערט ווי אזוי אַט דער אָרעמער אומגעבילדעטער און פּראָסטער פאָלקס־מענש וועלכער האָט ניט פאַרמאָגט קיין וועלט־לעכע אוטאָריטעט, און ניט געהאַט קיין אַרמעע, וואָס האָט ניט פאַר־נומען קיינע פּאָליטישע שטעלע, און וועמען די וועלט האָט ניט אָפּגע־געבן קיין כבוד, און וואָס האָט ניט פאַרפאַסט קיינע ביכער, און איז געשטאָרבן א שענדלעכן טויט אַלס יונגערמאַן — א געקרייציגטער צווי־שן צוויי געקרייציגטע גנבים — מיך האָט שטאַרק געוואונדערט אז טראָץ

דעם אַלעמען איז זיין נאָמען נאָך אַלץ דער נאָבלסטער נאָמען אויף דער וועלט, אפילו ביי די גאָטלאָזע גופא.

ריכטיג האָט וועגן אים געשריבן דער אידישער נביא, ישעיה:

„כלנו כצאן תעינו איש לדרכו פנינו ויהוה הפגיע בו את עון כלנו.“

„מיר זענען אַלע ווי שאָף פאַרבלאָנדזשעט, איטלעכער פון אונס האָט זיך געווענדעט צו זיין אייגענעם וועג, און גאָט האָט אויף אים (דעם משיח) אַרויפגעלעגט די זינד פון אונס אַלעמען.“ ישעיה 53: 6.

שלום

(דיזער ביכל איז געדרוקט געוואָרן פון די זיבעטער-טאָג אַדווענטיסטן (שומרי־שבת). אויב איר פאַרלאַנגט נאָך ליטעראַטור אָדער אינפאָרמאַ־ציע, שרייבט צום רעדאַקטאָר, פ. ס. גילבערט, טאַקאָמאַ פּאַרק, וואַ־שינגטאָן די. סי., אָדער צום געהילפס־רעדאַקטאָר, ס. א. קאַפּלאַן, 1501 בראָדוויי, רום 2605, ניו יאָרק, סיטי.)

Printed in U. S. A.